STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06717

DI ZUN IN MIZRAH

M. Ghitzis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

DI ZUN IN MIZRACH

ל. מ. שטיין פארלאג
שיקאגא

ביכער פון מ. ג י צ י ס :

„גלאָקן" (1926) : : : : :

„נאָוועלן" (1932) : : : :

„די זון אין מיזראַך" (1936)

פאַרלאַג מ. צעשינסקי
שיקאַגאָ : : : : 1936

מ. גיצים

די זון אין מיזראָך

נאָוועלאַדראַמע

M. CESHINSKY, PUBLISHER
2720 W. Division St., Chicago, Ill.

Copyright 1936, by M. Ghitzis
6301 W. Grand Ave., Chicago, Ill.
Printed in U. S. A.

Printed by Fireside Printing Co.
812 W. Van Buren St.
Chicago, Illinois
576

מ י ר י א מ ע ן

זאָל דאָס פּיקטיווע, דאָס אויסגעטראַכטע דאָ,
דערפירן דיך צו דערווירקלעכקייט. וועסט
עפשער דערקאָנען דיין אייגענעם צווייפל און
גלויבן, דיין אייגענע פרייד און פיין, דעם
פּאַראַדאָקס און די אומפאַרמיידלעכקייט, די
צעשטערונג און בויאונג, די זוכעניש און
בלאָנדזעניש אף די וועגן צו פרייהייט. ס'איז
אזוי נאָנט, ס'איז שוין, קימאַט, קיין גרענעץ
ניטאָ צווישן זיי ביידן.

I

באזאן . . .
דאס איז ניט געווען זיין עמעסער נאמען. דעם נאמען האט ער אויסגעקאוועט אין זיין פאנטאזיע, ווי א ציגיינער קאוועט אויס א קופערנע טאץ.
באזאן . . .
אזוי איז אים געפעלן. אזוי, האט זיך אים אויסגעוויזן, דארף קלינגען זיין נאמען.

אין א קליינעם דערפל, בא א רוישיקן טייך, וואס האט גע־שטראמט פון ווייטע בערג, האט ער, אלס קינד נאך, דערזען זיין טרוים. געקומען איז דער טרוים פון א ביכל, פון וועלכן עס האבן געפעלט די לעצטע בלעטלעך. א ביכל אן א סאף.

עפשער האט טאקע יענער העלד פון ביכל, יענער ריטער אפן ווייסן פערד, וואס האט געקעמפט מיטן דראקאן . . . עפשער האט טאקע יענער ריטער געהייסן באזאן. עפשער האט זיך נאך אין יענע קינדער טעג איינגעקריצט אין זיין מויאך דערדאזיקער נאמען. עפשער האט נאך אין יענע טעג דערוואכט אין אים דער דראנג צו קעמפן מיט דעם פילקעפיקן דראקאן, צו פליען איבער דער וועלט מיט אן ענטבלויזטער שווערד, צו זען הינטער זיך טויזנטער רייטער־טייוואלים, און הערן דאס קלאפן פון טויזנטער קאפיטעס אין גערויש און אין וויכר פון שטורם.
עפשער . . .

דער שטורם איז געקומען. ער געדענקט אים גוט.
אין די דערפער האבן פויערים אין אויפשטאנד געצונדן מאיאנט־קעס — געלאזט פליען פייערדיקע האנען אין דער שווארצער נאכט אריין.

די גרויסע שטעט האָבן געשטורעמט מיט בלוטיקע כוואַליעס, אַף די כוואַליעס — באַזאַן, ווי אַ צווייגל פֿון אַ מעכטיקן דעמב, אַ דעמב פֿון אַ מעכטיקן וואַלד.

דאָ און דאָרט האָט זיך שוין געהערט דער נײַער נאָמען — באַזאַן.

באַזאַן — דער אַגיטאַטאָר.
באַזאַן — דער טעראָריסט.
באַזאַן — דער געפֿײַניקטער.
באַזאַן — דער פֿאַראורטיילטער.
באַזאַן — דער אַנטלאָפֿענער.
באַזאַן! סאַלוט באַזאַן!
באַזאַן!

אין פֿײַער און אין בלוט האָבן זיך גענומען שמידן פֿירער פֿון פֿאָלק. באַזאַן — דער פֿירער פֿון פֿירער. שריט נאָך שריט, טריט נאָך טריט האָט ער געשטיגן און דאָס פֿאָלק נאָך אים. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ יאָר נאָך אַ יאָר — די רעוואָלוציע האָט גע־זיגט און באַזאַן אין איר.

דאָס לעבן איז ווי דער דראַקאָן.
איין קאָפּ האָט ער אָפּגעהאַקט, איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטער. נאָך אַ קאָפּ האָט ער אָפּגעהאַקט, און ס'איז ווידער אויסגעוואַקסן אַ צווייטער. אַזוי אָן אויפֿהער, אַזוי אָן אַ סאָף. מענטשן האָבן געקליבן די קעפּ — די זיגן זײַנע און גערימט זיך מיט אים. באַלאָרן האָט מען פֿאַרפּאַסט אין זײַן נאָמען; לידער האָט מען געזונגען אין זײַן לויב; און ער האָט אַלץ געהאַקט די קעפּ — די זיגן, און אָפּן אָרט פֿון יעדן אָפּגעהאַקטן קאָפּ איז אַ צווייטער אַרויסגעוואַקסן.
דאָס לעבן — דער אומבאַזיגבאַרער דראַקאָן.

די פֿײַערן, וואָס האָבן געצונדן די הימלען, זענען געלעגן נידעריק בײַ דער ערד. די ערד האָט פֿאַרהיילט אירע וואונדן. די

די זון אין מיזראָך

טעג האָבן געקלאַפּט מיט מיליאָנען האַמערס און געזונגען מיט מיליאָנען זעגן. ווי דרעסירטע מאָנסטערס זענען געקראָכן טראַקטאָרס איבער די רוקנס פון ברייט צעלעגטע פעלדער. פלאַ־מעדיקע צונגען האָבן זיך געצויגן פון ריזיקע אויוונס און געלעקט די נאַכטיקע הימלען מיט ברענענדיקער פרייד. פון די שטעט און דערפער האָבן זיך ביליאָנען ווערטער געפלאָכטן אין פראַזן און געמוטיקט די הערצער, געשטאַרקט דעם ווילן, געטראָגן אין אָנענדלעכקייט פון גלויבן — גלויבן אין אַ נייער, פרייער ערע.

דאָס לעבן — דער אומבאַזיגבאַרער דראַקאָן.

אײן קאָפּ האָט ער אָפּגעהאַקט, איז אויסגעוואַקסן אַ צווייטער. דער דראַקאָן ליגט איצט בײַ די גרענעצן און קוקט אַריבער מיט זשעדנע, הונגעריקע, בלוטיקע אויגן. ליגט און וואַרט, איינצובײַסן זיך מיט שאַרפע ציין, אַרײַנלאָזן די פאַרסאַמטע סלינע אין די וואונדן... ליגט און כאָלעמט... און בענקט נאָך דער בלוטיקער פאַרגאַנגענהייט.

די בלוטיקע פאַרגאַנגענהייט . . .

די ערד האָט זי נאָך ניט אינגאַנצן צוגעדעקט. עס פילט זיך נאָך דער רייאָך פון די טויטע און דער רייאָך פון דעם בלוט.

די בלוטיקע פאַרגאַנגענהייט . . .

. . . .

. . . .

מ. גיציס

נעדאַנקען קומען ווען מ׳איז אַליין.

די ווענט פון דעם צימער זענען שטומע — און רעדן. זיי רעדן צו אים יעדן טאָג. זיי רעדן צו אים, כאָטש ער וויל ניט הערן, כאָטש ער האָט קיין צייט צו הערן. זיי דערציילן, אַז דאָ האָט אַמאָל געוואוינט אַ הערשער. אַ בלוטיקער הערשער. אַ פאַרשקלאַפער. איצט וואוינט דאָ ער. אַ הערשער. אַ באַפרייער. אַ הערשער.

די פענצטער און דער באַלקאָן רופן:
קוק אַרויס. גיי אַרויס אויף דעם באַלקאָן און קוק אַראָפּ.
פון אָט דעם באַלקאָן האָט דער פאַרשקלאַפער גאַדלעסדיק געשמייכלט צו דעם פאָלק אַראָפּ. פון אָט דעם באַלקאָן האָט דער באַפרייער געשמייכלט צו דעם פאָלק אַראָפּ.
פון אָט דעם באַלקאָן.

דער טינטער אויפן טיש דערמאָנט:
פון דער טינט אין מיר פלעגט ווערן בלוט, ווען דער הערשער האָט געשריבן.

די ביכער אין די שראַנקען שווייגן אויס:
אין אונדזערע טויטע בוכשטאַבן — ליבע צו דער מענטשהייט.
ליבע צו דער מענטשהייט — טויטע בוכשטאַבן.

דער שטול פעסט און סאָליד:
אין מיר זיצן אַלע הערשער אַ כּליק — אויפן הינטערביילעס.
מיר איז אַלץ איינס.

באַזאַן האָט געהערט און געשוויגן.
זיין פלאַמעדיק וואָרט האָט זיך אָפּגעקילט. עס איז צייט פון טאָט. עס טראָגן זיך צו אים דורך די ווענט דאָס קלאַפּן פון האַמערס און דאָס געזאַנג פון מאָטאָרן.

נעדאַנקען קומען ווען מ׳איז אַליין.

. . . .

די זון אין מיזראַך

עס איז געווען שפּעט אין אָונט.

באַזאַן איז געזעסן בײַם טיש, פֿאַרטיפֿט אין לייענען.
שטיל.

דורך דער אָפֿענער טיר פֿון באַלקאָן האָט געבלאָזן אַ ווינטל. די שווערע פֿאַרטיערן האָבן זיך ווי אונטערגעהאַקטע פֿליגל געריסן אויפֿצעהויבן זיך. ווײַטע בליצן אויף דעם טונקעלן הימל האָבן אָנגעזאָגט, אַז ס׳קומט אַ שטורעם.

דער לאָמפּ אונטערן גרינעם אַבאַזשור אויפֿן טיש האָט געוואָרפֿן אַ קאַרגע ליכט.
שטיל.

. . . .
. . . .

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ספּאַק, — אַ דינער, פֿון מיטל־וואוקס, מיט אַ גרוי געלבלעכער פּנים, אויף וועלכן עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט די באַקנביינער, דער הויכער שטערן און די פֿאַרשפּיצטע באָרד.

באַזאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— אַ, איר זענט נאָך דאָ? אַזוי שפּעט?

— יאָ, פֿאַרהאַלטן זיך.

לאַנגזאַם איז ער צוגעגאַנגען צום טיש, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פֿון פּאָרטפֿעל און צוגערוקט עס צו באַזאַנען. אָנגעשפּאַרט זיך מיט ביידע הענט אָן טיש, געקוקט אַראָפּ, אויסמײַדנדיק באַזאַנס בליקן.
געזאָגט:

— אָט דאָ האָבן מיר אַלע טעזיסן פאַר דעם צעזאַמענפאַר. עס נעמט אריין אַלע פּונקטן, וועלכע זענען פאַרהאַנדלט געוואָרן בא דער לעצטער באַראַטונג, ווי אויך יענע וועלכע איר האָט לעצטנס באַשלאָסן פאַרצושלאָגן. מיר דוכט, אַז אייערע רעקאָמענדאַציעס זענען אין גייסט מיט די סענטימענטן, וואָס הערשן אין ראָווילס פּראַקטיק.

באַזאַן האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן:

— איר דענקט אַזוי ?
— עס מאַכט דעם איינדרוק . . .
— לויט אייער מיינונג, הייסט עס, אַז איך קאַפּיטוליר ?

פּייערלעך האָבן אַ שיין געטאָן אין ספּאַקס אויגן און זענען גלייך פאַרלאָשן געוואָרן:

— ניין . . . איך האָב ניט געמיינט צו זאָגן, אַז איר קאַפּיטולירט. פאַרקערט, מיר דוכט, אַז ס'איז אַ גוטער צוג צו געווינען צוטרוי.

באַזאַנס בליק איז געוואָרן קעלטער:

— אַה . . . צוטרוי . . . מיט אַנדערע ווערטער: ס'איז אַ מין דיפּלאָמאַטישער צוג . . . אַ ? פאַלט אייך ניט איין אַמאָל, ספּאַק, אַז איך בין שוין מיד פון שטאַרקייט, מיד צו האַלטן די אייזערנע לייצעס אין אייזערנע הענט ?

ספּאַק האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ראַנגלענדיק זיך מיטן ענטפער:

— ס'איז צו באַוואונדערן אייער אויבערמענטשלעכע ענערגיע און . . .

באַזאַן האָט איבערגעשלאָגן:

די זון אין מיזרח

— הערט אף... הערט אף... איר ווייסט איך האָב עס פיינט. איבערהויפּט ווייל איך עס ניט הערן פון אייך.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. א צי געטאָן אף זיך דאָס מיליטערישע רעקל. גענומען שפּאַנען איבערן צימער און, ענדלעך, געבליבן שטיין לעבן ספּאַקן:

— זייט אזוי גוט און זאָגט זיי דאָרטן זיי זאָלן זיך צוראיילן מיט די איבערזעצונגען פון די אויסלענדישע צייטונגען. און די איבערזעצונגען זאָלען זיין פּינקטלעך, וואָרט אין וואָרט.

ספּאַק האָט גענומען זוכן עפּעס אין זיין בוזים קעשענע:

— ניט צו פאַרגעסן... שוין א נייע פּראָקלאַמאַציע.
— ווידער?
— יא.

ער האָט זי ארויסגענומען פון קעשענע און אויסגעשטרעקט זי צו באַזאַנען. באַזאַן אָבער האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— לייענט איר. איך וועל הערן.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. האָט ספּאַק אויך צוגערוקט א שטול און האָט זיך אַנידערגעזעצט. געשוויגן א ווייל, ווי זוכנדיק דעם נוסח, טאָן. אַנגעהויבן:

„בירגער!
עס איז געקומען די צייט צו זאָגן אונדזער וואָרט. דאָס וואָרט פון דער פּראַקציע, וועלכע האָט אונטער אַלע אומשטענדן געקעמפט פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט . . .

באַזאַנס אויגן האָבן איראָניש א פינקל געטאָן און די אַקסלען זיינע האָבן געצוקט פון אינערלעכן געלעכטער:

— לייענט, לייענט... ווי מ׳האט עס שוין פארבאנאליזירט בא אונדז די פראזע „פרייהייט און גלייכהייט"...

ספאק האט פארטגעזעצט:

„... דאס ווארט פון דער פראקציע, וועלכע האט אונטער אלע אומשטענדן געקעמפט פאר פרייהייט, גלייכהייט און ברידער־לעכקייט. ניט צוצעשטערן די געווינסן פון דער רעוואלוציע ווילן מיר, ניט אונטערצוגראבן דעם פונדאמענט פון אונדזערע דערא־בערונגען און ניט אראפפירן אייך פון די וועגן אף וועלכע אונדזערע פירער האבן אונדז געפירט. מיר שטייען אלע צוזאמען מיט אייך אין די רייען, באפרייטע ארבעטער, און פויערים, און אונדזער לעצטן טראפן בלוט וועלן מיר אפגעבן פאר אונדזערע זיגן. מיר קומען אבער איצט צו אייך מיט אונדזער דרייסטן, אויפריכטיקן, רעוואלוציאנערן ווארט; מיר קומען רופן אייך, איר זאלט צו־זאמען מיט אונדז פאדערן דאס דערגאבערטע, פאדערן די פרייהייט און גלייכהייט פאר וועלכער מיר האבן מאקרעוו געווען א דאר מענטשן. מיר רופן אייך צו א קאנסטרוקטיווער איבערשאצונג פון אונדזערע געזעצן, פון דעם קאדעקס, וואס איז דער רוקנביין פון אונדזער טאג טעגלעכן לעבן. די קאנטר־רעוואלוציאנערע גידרע אין אונדזער לאנד איז טויט. די רעשטלעך פון דעם סוינע זענען פארניכטעט. מעגן מיר איצט קוקן די פאקטן גלייך אין די אויגן. מעגן מיר איצט פאדערן:

פרייע רעדע.

פרייע פרעסע.

פרייע וואלן.

פרייהייט פאר אלע פאליטישע פארשיקטע.

רעסטאווראציע פון זייערע בירגערלעכע רעכטן.

ליקווידאציע פון טויט שטראף.

ליקווידאציע פון דיקטאטור.

נידער מיט דיקטאטור! נידער מיט פארשקלאפונג אין נאמען פון דער רעוואלוציע! פאדערט פרייהייט! פאדערט באלדיקע, ראדיקאלע אקציע! מיט דעם לאזונג פאר פרייהייט, גלייכהייט

און ברידערלעכקייט.
דער קאמיטעט פאר א פרייער דעמאקראטישער קאמונע.

ספאק האט איבערגעליינט די פראקלאמאציע און אנידערגעלעגט זי אף דעם טיש. א געניץ געטאן און געכאפט א קוק אף באזאנען.

באזאן איז געזעסן א שווייגעדיקער. דעם קאפ אף דער ברוסט. געקלאפט מיטן פויסט אן אן זייטל פון שטול.
א זאג געטאן:

— ... נידער מיט דיקטאטור. ס'איז פארשטענדלעך און נאטירלעך. ס'איז אבער ניט נויטיק געווען צו פארלויפן מיר דעם וועג מיט פראקלאמאציעס. איך פיר מיט אן אייזערנער האנט — עמעס. איך פיר אבער בארג ארויף. ראוויל וויל פירן מיט א לייכטער האנט, וועלן זיי פליען בארג אראפ. אט די פראקלאמאציעס מאניפעסטירן מיט זיך רעוואלט. רעוואלט מיינט אקציע. וואס דענקט איר?

ספאק האט פארביסן די ליפן. געטראכט א ווײלע:

— איך דענק אויך אזוי.
— און וואס דענקט איר קאן ראטעווען די סיטואציע?

ספאק האט ווידער א טראכט געטאן:

— ארעסטירן ראווילן.

באזאן האט מיט איין אויג א קוק געטאן אף ספאקן ווי פארשנדיק זיינע געדאנקען. ער האט ניט קיין צוטרוי צו אים. ער ווייסט צופיל, וואס עס גייט דארט אין ראווילס לאגער. ער איז שטענדיק דער ערשטער צו קומען מיט די נייעסן, מיט די פראקלאמאציעס; און אין זיינע ווערטער, לעצטנס, שפירט ער א באהאלטענעם כוואַק, דעם כוואַק פון איינעם וואס זעט יענעמס

ם. גיציס

נידערלאגע.
געקוקט אזוי א ווײַלע אף ספּאקן און א פרעג געטאן:

— איר מיינט עס?
— זיכער.
— המ... דאך...

דא האט באזאן א שמייכל געטאן, ווי וועלנדיק מיט דעם שמייכל פּאַרמאַסקירן די ערנסטקייט פון זיין פאַרדאַכט:

— דאך וואלט מיך ניט איבעראשט, ווען איך געפין אייער נאמען אין דעם צעטל פון די ראוויליסטן.

ספּאק האט פארשזמורעט די אויגן און געפּרואווט א שמייכל טאן:

— איר שפּאסט.

באזאן האט מיטאמאל דערשפּירט אין זיך דעם דראנג צו זיין שארף און ערנסט. עפּעס האט אים ווי געשטויסן ארויסצוזאגן ספּאקן וואס ער דענקט וועגן אים:

— הערנדיק אייך לייענען די פּראקלאמאציע, האב איך געשפּירט אייער צעזאמענגעפּרעסטן פּאטאס. ערגעץ אין אייך ליגן אויך באהאלטענע פונקען.
— איר מיינט עס ערנסט?

באזאן האט זיך צעלאכט, אבער גלייך ווידער געווארן ערנסט:

— ווי זאגט מען עס... אין יעדן שפּאס איז פאראן א האלבער עמעס, איך מוז אבער צוגעבן, אז איך בין קעגן אלערליי דיפּלאמאטישע און היפּאקריטישע דרייידלעך. איך האלט זיך נאך אלץ פאר א רעוואלוציאנער, און אז עמעסן רעוואלוציאנער זענען דערווידער היפּאקריטישע מעטאדן. זאל איך אייך זאגן דעם עמעס

ספּאַק? איך גלויב אייך ניט, לעצטנס.

— וואָס פאַר אַ אורזאַכן האָט איר ניט צו גלויבן מיר?

— אָפט דאַרפן מיר ניט קיין אורזאַכן. אָפט איז גענוג אַ בליק, אַ וואָרט.

ספּאַק האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען און צעפּירט מיט די הענט:

— עס טוט מיר זייער לייד... מיר דוכט אָבער, אַז איר ענטוויקלט אין זיך אַ קאָמפּלעקס פון אומצוטרוי.

— אַז אינסטינקט, האָט איר געוואָלט זאָגן.

— איך וועל אייך לאָזן בלייבן ביי אייער מיינונג, ביז...

— ביז?

— ביז די אומשטענדן וועלן זיך עפּשער ענטוויקלען צו אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, וועלכע איר וועט ניט דאַרפן באַנעמען נאָר מיט אייער אינסטינקט.

— אה... איך האָף איך וועל ניט דאַרפן וואַרטן לאַנג.

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, ספּאַק... איינע פון אייערע מערקווירדיקסטע אייגנשאַפטן איז די פּייאיקייט אַרויסצוזאָגן אייערע געדאַנקען, אייער עמעס אַזוי, ווי איר מיינט עס און דאָך שאַפן די אימפּרעסיע, אַז דער געדאַנק, די פראַזע איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף אייך, אַז אין דעם עמעס אייערן ליגט גאָר איראָניע. צו וואָס אָבער די גאַנצע דיסקוסיע, ספּאַק? מיר וואָלטן געקאָנט גלייך צוקומען צום פּונקט.

ספּאַק האָט זיך מיט אַן איבערטריבענער העפלעכקייט אַ נייג געטאָן:

— איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין.

מ. גיציס

באזאן האט ארויסגענומען זיין ליולקע, אנגעשטאפט זי מיט טאבאק און פאררויכערט:

— דער צענטראט האט אייך אויסגעטיילט און אנפארטרויט צו העלפן מיר אין מיין ארבעט. איר דארפט זיין מיין רעכטע האנט, אזוי צו זאגן. אזא ארבעט ווי אונדזערע, ווייסט איר אליין, קאן ניט און טאר ניט טאלערירן קיינע נעבלהאפטע באציאונגען.

— איינשטימיק.

— צו מאכן עס קורץ... איך וואלט אייך געבעטן...

— צו רעזיגנירן ?

— ניין, איר דארפט ניט רעזיגנירן. איר דארפט זיך נאר באמיען צו געווינען מיין צוטרוי.

ספאק האט באנעצט די ליפן:

— דענקט איר ניט, אז איר האט זיך אביסל צוגעאיילט מיט אייער פאראורטייל קעגן מיר ?

— מעגלעך. ס'איז געווען אימפולסיוו. דאס אימפולסיווע אין אונדז איז דאס רעוואלוציאנערע. עפשער וועט דער אפענער שמועס דערפירן אונדז צו געווינשענע רעזולטאטן.

ספאק האט צעפרידן א שמייכל געטאן. אויפגעהויבן זיך און גענומען פארקנעפלען דעם ראק, גרייטנדיק זיך אוועקצוגיין.

באזאן האט זיך אויך אויפגעהויבן.

ספאק האט גענומען זיין פארטפעל:

— א גוטע נאכט.

באזאן האט איבערטריבן העפלעך געענטפערט:

— א גוטע נאכט.

ער האָט פאַררויכערט זיין פאַרלאָשענע ליולקע. דאָס ליכט פון שוועבעלע האָט באַלויכטן זיין פּנים. גרוי און שטרענג. אנידערגעזעצט זיך. עס האָט אים באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט זיך ניט קאָנטראָלירט דאָס מאָל.
די פּראָזע זיינע, אַז דעם עמעסן רעוואָלוציאָנער דאַרפן זיין דער־ווידער היפּאָקריטישע מעטאָדן — די פּראָזע האָט באַדאַרפט בלייבן אַ פּראָזע. אין אַ געוויסן זין האָט ער געטראַכט, איז זי געבליבן. נאָך אַלעמען, איז עפּשער בעסער אַזוי. זאָל ספּאַק וויסן, אַז ער איז גרייט. דער קאַמף, וועלכן זיי הייבן איצט אָן אין נאָמען פון פרייהייט, דער קאַמף, ווייסט ער, איז, ווילנדיק ניט ווילנדיק, גע־צילט אויך קעגן אים. בעסער אַזוי. זאָל ספּאַק ווייסן. און דורך ספּאַקן אויך ראַוויל, און נאַרדי, און די איבעריקע.

ער האָט גענומען לייענען די פּראָקלאַמאַציע, פאַרקוועטשט זי ביין צווישן די פינגער און אַ שליידער געטאָן פון זיך.

„... נידער מיט פאַרשקלאַפונג אין נאָמען פון רעוואָלוציע... פאָדערט פרייהייט!"... פרייהייט! כאַ! די פרייהייט, וואָס האָט אַראָפּגענומען אירע זיבן וואַלן און טאַנצט איר עקזאָטישן נאַ־קעטן טאַנץ פאַר אירע געליבטע... ——— רעוואָלוציאָנערן־געליבטע, פאַנאַטיקער־געליבטע, היפּאָקריטן־געליבטע. ניין, ער וויל ניט אַזאַ פרייהייט... ער זעט זי אָפט, אָבער אין אַנדערע גע־שטאַלטן. ער זעט זי אין פעלד; ער זעט זי אין אירע ווייסע לייוונטענע קליידער פון וועלכע עס טיילן זיך אויס אירע שטאַרקע פיס און הויכע געזונטע בריסטן; ער הערט איר ליד און איר הילכיקן געלעכטער, און זעט ווי עס לויפן איר נאָך אַ טשאַטרע קינדער מיט גאָלדענע און שוואַרצע קעפּלעך.
ער זעט זי אָפט אין די פאַבריקן, מיט איר פּראָסטן אָבער קלוגן שמייכל, מיט די פּראָסטע, אָבער קלוגע רייד, און ער האָט ליב צו הערן, ווי אָט אָדי פרייהייט זאָגט:
באַזאַן...
די פרייהייט, די נאַקעטע, עקזאָטישע, אילוזיאָנערישע און לייכט־זיניקע פרייהייט וויל ער ניט....

מ. גיציס

דאָס קלינגען פון טעלעפאָן האָט איבערגעריסן זיינע געדאַנקען.
ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל:

— האַללאָ, ווער? אונאַ? שיקט זי אַרויף.

געבליבן זיצן אַ פאַרוואונדערטער. אונאַ איז אונטן. וואָס
פאַר אַ אורזאַכן האָבן זי געבראַכט אַהער צו אים אַזוי שפּעט אין
אָוונט. אונאַ, די ווייב פון זיין ברודער אַריס. אונאַ, די איינציקע
וואָס קאָן אים באַרואיקן; די איינציקע, וואָס באַרירט זיינע הענט
מיט צערטלעכקייט; די איינציקע, וואָס נעמט אים אַמאָל אַרום
מיט שוועסטערלעכער ליבשאַפט.

אונאַ.
זי האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעקומען.
אַן אירע אויגן האָט ער דערקאַנט, אַז עפּעס באַאומרואיקט זי, אַז
דער וויזיט אירער איצט אין אָוונט איז ניט פון די געוועגליכע.
זי איז געבליבן שטיין אַף אַ ווײַלע בײַ דער טיר, אָנבויגנדיק דעם
קאָפּ צו דער ווייסער ליליע, וואָס זי האָט געהאַט אין לאַץ פון איר
קאָסטיום. און פון אונטער אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי
געקוקט אַף באַזאַנען און געשמייכלט.
צוגעגאַנגען צו אים, אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער
זיין קאָפּ. צוגעבויגן זיך צו אים נאָענט מיט איר באַק און
אַריינגעשטעקט די ליליע אין דעם לאַץ פון זיין ראָק. דערנאָך
האָט זי אויסגעטאָן איר הוט, צערעכט געמאַכט די האָר און
פאַרשטעלענדיק דאָס פּנים מיט די הענט, האָט זי שטיל
געפרעגט:

— וואונדערסט זיך?

— יאָ. אַזוי שפּעט... און אין אַ שטורם... וואָס איז
געשען?

זי האָט ניט געענטפערט. צוגעגאַנגען צו אים און אַנידערגעזעצט

זיך אַף דעם פּאַרענטש פון שטול. געקוקט אינדערווייטנס און געשוויגן.

באַזאַן האָט לייכט געקלאַפּט אַן איר האַנט:

— נו, וואָס שווייגסטו. דערציייל עפּעס.

— איך וויל שוויגן. דערציייל דו. דו האָסט אַזוי פיל צו דערציילן.

— איך וועל בעסער אויך שווייגן. איך בין אין אַ קריגערי־שער שטימונג — איז בעסער צו שווייגן.

— פאַרוואָס ביזטו אין אַ קריגערישער שטימונג?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— האָסט ניט געהערט? ס'איז דאָך רעוואָלוציע.

— רעוואָלוציע . . . אַזוי פיל יאָרן, וואָס איך הער נאָר רע־וואָלוציע און קריג . . .

— ווי זאָגן עס די מיליטאַריסטן? — קריג איז צוליב שאָלעם.

— עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סאָף.

— עס מוז . . . זיכער מוז עס. אָבער די רעוואָלוציע וויל שוין ניט פאַלגן, אונאַ. עס ברענט. די וועלט ברענט.

— און מ'לעשט מיט בלוט.

— יאָ, מיט בלוט.

— און דו אויך.

— יאָ . . . איך אויך. ס'איז אָבער נאָר אַ טראָפּן אין פאַרגלייך מיט דעם בלוט, וואָס מ'האָט פאַרגאָסן און וואָס מ'גרייט זיך ערשט צו פאַרגיסן.

— און דו אויך.

— איך?

— יאָ, דו אויך.

נאָך אַ קורצער פּויזע:

מ. גיצים

— צוליב וואס טראגסטו אט דעם מיליטערישן אנצוג?

ער האט זיך צעלאכט:

— אה... דער מיליטערישער אנצוג... ער איז באקוועם.
— עפשער. עס איז אבער אויך די אוניפארם, דער סימבאל פון מיליטאריזם. דער סימבאל פון קריג, פון בלוט.
— איך בין געגן קריג, אונא.
— און דאך גרייטסטו זיך צו אים. נייע העסלעכע טאנקס, נייע עראפלאנען, פאראדן, רעדעס יעדן טאג אף דער ראדיא, און ארטיקלען יעדן טאג אין אלע צייטונגען: קריג, קריג, קריג... דערפאר זאג איך: דו אויך.
—מיר דארפן זיין גרייט צו פארטיידיקן זיך.
— יענע זאגן דאס זעלבע.
— אבער, זעסטו דען ניט דעם אונטערשייד? מיר וועלן קיינמאל ניט זיין די אנגרייפער. מיר האבן שוין ניט איינמאל פארגעשלאגן פולשטענדיקע ענטוואפנונג, האט מען געלאכט פון אונדז. אט, קוק...

ער האט אנגעוויזן אף דער צעקנייטשטער פראקלאמאציע, וואס איז געלעגן אף דעם דיל אין א ווינקל:

— זעסט. אין אונדזער פעדעראטיווער רעפובליק, וואו עס דארפן שוין, דוכט זיך, ניט זיין קיין אורזאכן פאר קריג — אט דא בא אונדז גייט נאך אויך אן דער קריג. א קריג צווישן אונדז, צווישן די אייגענע. זעסט, אט דאס שטיקל פאפיר קאן פאראור־זאכן בלוט פארגיסונג.

אונא האט אויפגעהויבן די פראקלאמאציע און גענומען לייענען. און ווען זי האט פארענדיקט, האט זי א קוק געטאן אף באזאנען:

— פארוואס דארף דאס פאראורזאכן בלוטפארגיסונג? זיי זענען גערעכט. ווילסטו דען ניט דאס זעלבע?

די זון אין מיזראַך

— זיכער וויל איך עס.

— טאַ, פאַרוואָס קריג?

— ווייל דאָס, וואָס זיי ווילן איז נאָך ניט רייף. אַ גוטער פּילאָט וועט זיך ניט לאָזן מיט זיין שיף אין די הימלען אַריין, ווען עס בליצט און שטורמט אַרום. ניין, אונאַ... פרייהייט איז ניט אַ פויגל, וועמען איך האַלט אין אַ שטייג, וועמען איך דאַרף און קאָן אַרויסלאָזן. פרייהייט דאַרף מען אויפבויען; מ׳דאַרף זי סיסטעמאַטיש שטודירן; מ׳דאַרף זי, ווי די ערד צעאַקערן, קולטיווירן און שניידן די זאַנגען נאָך דאָן, ווען זיי זענען שוין פולע און רייפע. ווי לאַנג צוריק, אַז אַט אַ די זעלבע פרייהייטס־קעמפער האָבן געשפּאַנט מיט מיר, איינגעטונקענע אין בלוטיקע וואונדן, געשפּאַנט מיט מיר צום היינטיקן טאָג, צום זיג, וואָס זיי האָבן געזען אין זייערע טרוימען אַט פּונקט אַזעלכן, ווי ער איז איצט. און היינט, היינט דרייען זיי זיך אום מיט די רוקנס צו דעם דערגרייכטן זיג און זיי דערקאָנען אים ניט מער. אַה... איך בין שוין מיד פון אַט דעם איינענעם אינעווייניקסטן קאַמף און פון דעם פּלאָנטער פון פּאַראַדאָקסן אין וועלכן מיר געפינען זיך. מיד...

אונאַ האָט געקוקט אויף אים מיט פאַרשטענדעניש:

— דו וואָלסט באַדאַרפט אָפּרוען זיך, באָזאָן. דו וואָלסט באַדאַרפט לעבן אויך דיין אייגן, פּערזענלעך לעבן. דו וואָלסט באַדאַרפט זון, פאַרווייליגונג, געלעכטער, אַט דאָס פּאַשעטע, טאָג־טעגלעכע, וואָס יעדער איינער האָט.

— יאָ, יאָ, אונאַ. אָפּט בענק איך נאָך דעם אַלעמען. איבער־הויפּט, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך בין שוין פּערציק. דאָס קליינע מענטשעלע אין מיר פאָדערט זיינס.

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר באָזאָן...

— יא...
— פאַרוואָס האָסטו ניט געהייראַט ?

ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, שמייכלענדיק :

— ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס מ׳שטעלט מיר אַזאַ פראַגע.
— און איך האָב בעדאַרפט זיין די דאַזיקע, וואָס זאָל דיר ברענגען אין אַזאַ פאַרלעגנהייט...
— כאַ, כאַ ! אין פאַרלעגנהייט... מיין פערזאָן ווייזט אויס האַרמאָנירט ניט מיט אַזעלכע פּאַשעטע פראַגן און פונקציעס. ווי מיינסטו, אונאַ, בין איך אַמאָל געוועזן פאַרליבט ?
— עס האָט מיך אימער אינטערעסירט צו וויסן.
— פאַרוואָס האָסטו מיך קיינמאָל ניט געפרעגט ?
— האָסט דאָך ערשט אַליין געזאָגט. דו ביזט צו גרויס, צו וויכטיק אַלס פּערזענלעכקייט צו פאַרבינדן דיך מיט אַזעלכע געשפּרעכן און פראַגן.
— און ווי דענקסטו איצט, ווען מיר זענען שוין אַרויפגעקומען אַף דעם געשפּרעך ? ווי דענקסטו, האָט אַט דער בער, וואָס זיצט דאָ לעבן דיר, האָט ער אַמאָל ליב געהאַט ?
— איך גלויב אַז יאַ. יעדער מענטש האָט ליב, אַמווייניגסטנס, איינמאָל אין לעבן.
— ביזט גערעכט, אונאַ, אַמווייניגסטנס, איינמאָל אין לעבן. איך האָב אויך אַמאָל געליבט.
— אַמאָל... דאָס הייסט אַ לאַנגע צייט צוריק ?
— יאַ, אַלאַנגע צייט צוריק.
— זעסט זי אַמאָל... יענע פרוי ?
— זעלטן, זייער זעלטן.
— און דו האָסט זי מער ניט ליב ?
— איך ווייס ניט. אין אַלגעמיין קאָן איך ניט דעפינירן און קלאָר מאַכן אין זיך דאָס געפיל וואָס מ׳רופט ליבע. פאַר מיר איז ליבע אימער געווען אַ מין באַזונדערע מעלוכע, וועלכע איך וועל נאָך צייט האָבן צו באַזוכן.
— טראַכסטו ניט אַמאָל וועגן איר ?

— יאָ. אָבער מיינסטנס אין פֿאַרבינדונג מיט איר מאַן.
— פֿאַרוואָס ?
— ווייל ער איז אַמאָל געווען מיין בעסטער פֿריינט.
— און ער האָט...
— אַ, ניין, ניין... ער האָט זי ניט אַוועקגערויבט פֿון מיר און זי האָט מיר ניט פֿאַרראַטן. מיר האָבן זיך צעשיידט אומגע־ריכט. איך אין טפּיסע, זי איבער די שטעט און שטעטלעך. עס זענען אַוועק יאָרן און... אַט — לאַראַן איז איר מאַן.
— לאַראַן ? ! דער דיכטער ?
— וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי ?
— און איך האָב ניט געוואוסט...
— פֿון וואַנען האָסטו געקאָנט וויסן ?
— איז נוראַ, די אַקטריסע נוראַ, דידאַזיקע וועמען דו האָסט ליב געהאַט ?
— יאָ, נוראַ.
— דו האָסט געזאָגט, אַז לאַראַן איז אַמאָל געווען דיין בעס־טער פֿריינט. מיר דוכט, אַז אויך איצט זענט איר גוט באַפֿריינדעט.
— יאָ, אָבער... לעצטנס האָט זיך אויך אים פֿאַרגלוסט צו ווערן אַ באַשיצער פֿון דער פֿרייהייט. אויך ער איז אין דעם זאָגענאַנטן קאָמיטעט פֿאַר אַ פֿרייער דעמאָקראַטישער קאָמונע. פֿון זיין דיכטערישן פֿאַרנאַם האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו קלעטערן אַף מיין קריגערישן פֿאַרבלוטיקטן אָלימפּ.
— ער האָט דאָך אַזוי פֿיל שיינע באַלאַדן אָנגעשריבן און געווידמעט דיר.
— ניט מיר, נאָר יענעם אַמאָליקן באַזאָנען, וואָס האָט גע־שמאַכט אין די טפּיסעס. —
— און ער קומט ניט אַהער צו דיר ?
— זייער זעלטן.
— און ווען האָסטו געזען נוראַן ?
— געזען זי אַפּאָר מאָל שפּילן.
— איך האָב זי אויך געזען אין דער פּיעסע „באַרבאַרן“, זי איז זייער שען און ווייזט אויס צו זיין זייער אינטערעסאַנט און קלוג.

— יאַ, זי איז דורכגעטריבן קלוג. און איר קלוגשאַפט איז, עפּשער, איר גרעסטער כּשרון.

ער האָט געצווּיגן די ליולקע אַ פאַרטראַכטער.
אונאַ האָט אויך געקוקט ערגעץ אינדערוויטנס אַ פאַרטראַכטע.
אַ פרעג געטאָן פּלוצים מיט אַ ציטער אין איר שטימע:

— מער האָסטו קיינמאָל, קיינעם ניט ליב געהאַט, באַזאַן?

ער האָט שווער אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט אויף אירער. געגלעט איר וואַרעמע גלאַטקייט:

— יאַ... אָבער אַנדערש, גאָר אַנדערש.
— וועמען?...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין איר שטימע האָבן אַ ציטער געטאָן טרערן. ער האָט שוין אַזוי פיל מאָל געשפּירט אין אירע ווערטער אַ מין געבעט, אַ מין וואונטש, אַז ער זאָל איר אַקעגן קומען מיט אַ פּראָזע, מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל אַנווייזן, זאָל זיין נאָר די אילוזיע פון עפּעס נאָענטן, אינטימען. און אָפט האָט זיך אים געוואָלט פאַרגעסן זיך און צודריקן זי צו זיך שטאַרק, צו דערפילן נאָענט, זייער נאָענט איר קערפּער... האָט אים אָבער עפּעס אָפּגעהאַלטן. אויך איצט, הערנדיק איר פראַגע און האַלטנ־דיק אירע הענט אין זיינע, האָט ער זיי געוואָלט אַרומוויקלען אַרום זיין האַלדז און קושן זיי, אָבער אַפילו דאָס האָט ער ניט געטאָן. ער האָט זיי נאָר שטאַרק צעזאַמענגעדריקט און געגלעט און גע־שאָקלט צו עמיצן מיטן קאָפּ: ניין... ווייל ווער ווייסט, עפּשער נאַרט ער זיך גאָר אָפּ? עפּשער איז די טרער אין איר שטימע נאָר אַ שוועסטערלעכע טרער?

זי האָט ווידערהאָלט די פראַגע:

— באַזאַן... וועמען?

האָט ער געענטפערט:

— ווען דו ביזט אַריבערגעפאָרן מיטן אָהער מיט אַריסן און איך האָב דיך דערזען, האָב איך דיך ליב באַקומען. מיט דער טיפער, פּאַשעטער, וואַרעמער ליבע.
— ווי אַ שוועסטער, אַ שטייגער...
— ווי אַ שוועסטער און אַנדערש.

זי האָט זיך צעלאַכט. און אויך אין איר געלעכטער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, האָט אַ ציטער געטאָן אַ טרער. האָט ער אַ קוש געטאָן די דלאָניע פון איר האַנט. מיט די שפּיצן פון אירע פינגער האָט זי לייכט אַ פיר געטאָן איבער זיינע ליפּן:

— דו וואָלסט זיך ווידער באַדאַרפט פאַרליבן, באַזאַן. ס'איז ניט גוט אַזוי צו לעבן ווי דו לעבסט: ליבע אין מענטשנס לעבן איז עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט אים ניט פאַרטריקנט ווערן, פאַרהאַרטעוועט ווערן. עס איז די עסענץ פון דעם שענערן, פון דעם אינספּירירענדן אין מענטשלעכן...
— ליבע איז ניט עפּעס אַזעלכעס וואָס מ'קאָן אַרויסגיין זוכן און נעמען.
— מ'קאָן.
— איך קאָן ניט. און ווען איך קאָן, וואָלט איך ניט געוואוסט וואו צו זוכן זי, און ווען איך געפין זי וואָלט איך ניט געוואוסט ווי אַזוי צו נעמען זי. מיר דוכט, אַז ליבן איז אויך אַ מין קונסט. און אויך אין דער קונסט זענען פאַראַן געבוירענע קינסטלער און געמאַכטע קינסטלער. איך געהער ניט צו דער ערשטער און ניט צו דער צווייטער קאַטעגאָריע. און כוץ דעם אונאַ, דענקסטו טאַקע, אַז דער מענטש קאָן זיך ניט אויסלעבן אָן אַ דעם סענטימענטאַלן געפיל?
— זיכער קאָן ער. אַט קאָנסטו דאָך. איבערהויפּט קאָנען עס אַזעלכע מענטשן ווי דו, אַזעלכע וואָס לעבן מיט גרויסע אידעאַלן. ס'איז אָבער פאַראַן אין דיר אויך דאָס מענטשעלע וועגן וועלכן דו האָסט פריער גערעדט. אַט דאָס מענטשעלע בענקט נאָך אַט

דעם סענטימענטאַלן. עס בענקט נאָך דעם אינסטינקטיוו. אַרים וואָלט געזאָגט — ביאָלאָגיש. אָבער איך פאַרשטיי דיך, באַזאַן. דאָס לעבן האָט דיך אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ גראַנדיעזער פאַר־פּלאָנטערטער און קאָמפּליצירטער נעץ פון פּראָבלעמען, אַז דו קאָנסט ניט אַרויס פון איר.

— און איך וויל ניט אַרויס פון איר.

ער האָט זיך צעשמייכלט:

— מאָדנע . . .

— וואָס איז מאָדנע ?

— אָט אַ דער געשפּרעך אונדזערער. ווען מענטשן וויסן וועגן וואָס באַזאַן רעדט איצט, זיצנדיק דאָ אין קאַבינעט מיט אַ פרוי . . . מיך וואונדערט וואָס זיי וואָלטן געזאָגט. מענטשן קאָנען דאָך ניט זען אַ פּירער אָט אַזוי פּאַשעט, ווי מ'זעט גלאַט אַזוי אַ מענטשן פון פלייש און בלוט. דאָס פּערזענלעכע זיינס, דאָס נאַטירלעכע ווערט דאָך גאָר אינגאַנצן ניט באַמערקט. אָפט שאַקירט עס זיי אַפילע. דאָס פאָלק האָט ליב אויסצעפאַנטאַזירן פאַר זיך דאָס לעבן פון אַ פּירער לויט זיין אייגענער פאַנטאַזיע. און ער ווערט פאַרוואַנדלט אָפט אין אַ מין אַבסטראַקציע, גייסט, אידייע. דאָס פאָלק וויל ניט, אַז איך זאָל ליב האָבן פרויען, אַז איך זאָל זיך אַמוזירן, אַז איך זאָל ליב האָבן אַ געשמאַקן מאָלצייט. זיי פאַרנעמען גאָר אינגאַנצן אַריינצוריכענען אין מיר דיזעלבע באַגערן און די זעלבע איינגעשאַפטן, וועלכע זיי אַליין באַזיצן. עס האָט איינמאָל געטראָפן, אַז איך בין געווען מיד און האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף די טרעפּ באַ דעם קאָנגרעס, פונאַנאַדערגע־שפּילעט דעם קאָלנער, אַרויסגענומען די ליולקע און פאַררויכערט. האָסטו געמעגט זען ווי אַזוי מ'האָט געקוקט אויף מיר. גלייך ווי איך האָב אָפּגעטאָן עפּעס אַזאַ אומנאַטירלעכע זאַך, גלייך ווי איך האָב זיך מיט אָט דער פּאַשעטקייט דערהויבן צו אַזעלכע הויכן, אַז ס'אַשרעק! און מיין בילד, ווי איך זיץ אויף די טרעפּ מיט אַ פונאַנדערגעשפּילעטן העמד איז געווען געדרוקט אין אַלע ציימונגען. ווי דו זעסט, מענטשן שטעלן זיך פאַר אַ פּירער גאָר אַנדערש ווי

א געוויינלאכן מענטשן. איך בין זיכער, אז ווען עס געפינט זיך א פרוי, וואס וואלט זיך פארליבט אין מיר, וואלט זי אינגיכן אנטוישט געווארן. זי וואלט אנטוישט געווארן, ווייל זי וואלט פון באזאנען דערווארט גאר אנאנדער מין ליבע; עפעס אזעלכעס, וואס זי אליין האט פאר זיך אויסגעפאנטאזירט. און מערקווירדיק, ווי אנדערש א מענטש הויבט אן צו קוקן אף זיך אליין, ווען דער מאסן פסיכאז פארוואנדלט אים אין עפעס אויבערמענטשלעכעס. אט, רעדנדיק מיט דיר איז מיר גלייך געקומען אפן געדאנק, וואס וואלטן מענטשן געזאגט, ווען זיי הערן אונדז רעדן וועגן אזא נאטירלעכער זאך ווי ליבע. ערגעץ אין מיר האט זיך אריינגערוקט א קאנטראליאר, וואס קאנטראלירט יעדן געדאנק, יעדן טאט מיינעם און איז א גאנצער באלעבאס איבער מיר. נו, ווי קאן דער גרויסער באזאן ארויסגיין זוכן ליבע? זאל שוין זיין ניט ליבע, נאר די פרוי, די „זי" — ווי קאן איך, אז זיי זאגן שוין אף מיר: „אזוי האט געזאגט באזאן", פונקט ווי מ'פלעגט זאגן „אזוי האט געזאגט יעהאווא", „אזוי האט געזאגט אללא". און דערפאר בין איך אפט מעקאנע אריסן. זיין גרויסקייט איז ניט צוגעבונדן ווי מיט א קייט צום פאלק. ער איז פריי. ער קאן זיך באוועגן ווען ער וויל און ווי אזוי ער וויל. ער האט ניט דעם קאנטראליאר איבער זיך, און הויפטזעכלעך, ער האט דיך. איך וואלט אויך געוואלט האבן אזא אונא ווי דו, האבן דיך אזוי, ווי אריס האט דיך.

זי האט זיך ביטער צעלאכט:

— אזוי ווי אריס האט מיך, כא־כא!

ער האט א קוק געטאן אף איר א פארוואונדערטער און א פרעג געטאן:

— פארוואס לאכסטו?

אירע אויגן זענען געווארן טרויעריק און זי האט א קוק געטאן אף באזאנען מיט א בליק, וואס וואלט פאר אים ענטפלעקט אלע

אירע געדאנקען, ווען ער וואָלט אים נאָר געקאָנט פאַרשטיין.

זי איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום ברייטן לעדערנעם דיוואַן, אַריינגעוואָרפן זיך אין אים טיף און פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די הענט.
ער האָט געקוקט אויף איר א ווײַלע א פאַרוואונדערטער, אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַנגען צו איר. געפרעגט שטיל און ערנסט:

— וואָס איז מיט דיר, אונא ?

זי האָט ניט געענטפערט. געלעגן אײַנגעגראָבן מיטן פּנים אין די הענט.

האָט ער ווידער געפרעגט:

— זאָג מיר, אונא, וואָס איז געשען ?

האָט זי זיך אויפגעהויבן. געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף דעם וואַנטל פון דיוואַן:

— צו וואָס האָסטו גענומען רעדן וועגן דעם... איך קאָן ניט הערן.
— פאַרוואָס ?
— עס פּייניקט.
— פאַרוואָס ?
— אַה... דו האָסט אָנגערירט דאָס אָנגעווייטיקטסטע אין מיר. דאָס סענסעטיווסטע...
— דו מיינסט . . .
— גרויסע מענטשן פאַרגעסן אָן ליבע. דו, און דיין ברודער... יעדער אויף זיין געביט און אויף זיין שטייגער. דו עקספּערימענטירסט מיט מענטשן און מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען און ער עקספּערי־מענטירט מיט מאַלפּעס. אָרים דאַרף מיך ניט. ער זעט מיך ניט... ער האָט מיך ניט ליב.

באַזאַן האָט געקוקט אױף איר, אַנשטאָפּנדיק די ליולקע מיט טאַבאַק. די גאַנצע געשיכטע, פאַרוואָס זי איז אין אַזאַ שטימונג, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, איז אַ קאַפּריז פון אַ יונגער שײנער פרוי, װעמען דער מאַן פאַרנאַכלעסיקט צוליב זײַנע װיסנשאַפטלעכע עקספּערימענטן. איז זי געקומען באַקלאָגן זיך צו אים? ... קאָמיש. האָט ער אַ שמײכל געטאָן און געפרעגט:

— איר זענט צעקריגט?
— ניין.
— טאָ פאַרוואָס דענקסטו, אַז ער האָט דיך ניט ליב?
— װײַל ס'איז שוין אַ האַלב יאָר, אַז ער דאַרף מיך ניט;

און ער האָט שוין פאַרגעסן, דוכט זיך, אַז איך בין אַ פרוי, אַז איך װיל אױך ליבע, אַז איך װיל אַ קינד. איך בין שוין מיד פון די מאַלפּעס... די װיסנשאַפט און די עקספּערימענטן מיט דעם אָראַנג־אוטאַנג האָבן אײַנגעשלונגען דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. דאָס אײנציקע װעגן װאָס ער רעדט מיט מיר איז װעגן רעפלעקסן, װעגן פּסיכאָלאָגיע, װעגן ביאָלאָגיע און װעגן װיסן. דער מענטש, זאָגט ער, לעבט צוליב אײן זאַך: צוליב װעלן װיסן. דאָס איז דער אײנציקער אימפּולס, װאָס טרײַבט אים צו װעלן לעבן. און דער באַגער, די פאָרמולע שעפּט זיך בײַ אים קײמאָל ניט אױס. װיסן! שטודירט די מאַלפּישע נעשאָמע און מײַנע זעט ער ניט.

באַזאַן האָט געצױגן מיט די אַקסלען אַ פאַרװאונדערטער:

— פאַרוואָס רעדסטו ניט איבער מיט אים װעגן דעם?
— איך? באַזאַן...
— איך פאַרשטײ... אָבער מיר דוכט, אַז װעגן אַזעלכע זאַכן דאַרף מען רעדן מיט אַ מאַן אָפנהערציק, איבערהױפּט מיט אַזאַ מאַן װי אַריס. װער נאָר, װי ער קאָן דיך פאַרשטײן, װען דו װעסט ציען זײַן אױפמערקזאַמקײט צו דעם.
— איך האָב שוין געפּרוּװט.
— יאָ? װאָס האָט ער געזאָגט?
איך האָב ניט גערעדט צו אים. איך האָב אָנגעװענדט די

פּאַשעטע נאַטירלעכע מיטלען, וואָס יעדער פּרימיטיווע פרוי וואָלט אָנגעווענדט. איך האָב אים געפּרואווט רייצן מיט מיין לייב, מיט מיין נאַקעטקייט...

— און?...

— און גאָרניט. ער האָט זיך באַצויגן צו מיר ווי צו א קינד, ווי צו א ניטדערוואַקסענער. געגלעט מיין קאָפּ און גערעדט וועגן פּסיכאָלאָגישע רעפלעקסן.

— המ... טאַקע א גרויסער פּראָפעסאָר מיין ברודער, ער האָט אָבער ניט קיין סייכל.

— מיר דוכט, אז אין דעם זין זענט איר אַזוי ענלעך איינער צום צווייטן.

באַזאַן האָט א קוק געטאָן אויף איר, ניט ווייסנדיק ווי אַזוי אויס־צוטייטשן אירע ווערטער. אַזוי געטאָן:

— גיי אהיים, און רעד איבער מיט אים. איר זענט ניט קיין קינדער.

— איך וועל ניט אהיים גיין.

— וועסט ניט גיין? כאָ, כאָ, כאָ! וואָס מיינסטו, וועסט ניט גיין? וואָס זשע וועסטו טאָן?

— איך וועל בלייבן דאָ. איך בין געקומען צו בלייבן דאָ אויף היינט באַנאַכט.

באַזאַן האָט א קוק געטאָן אויף איר א פאַרוואונדערטער:

— דאָ?

— יאָ, דאָ. זאָל ער באַמערקן מיין אַבוועזנהייט. ווען א מאַלפּע וואָלט פאַרפאַלן געוואָרן, וואָלט ער עס זיכער באַמערקט.

— עס וועט דיר ניט זיין באַקוועם צו שלאָפן דאָ.

— עס וועט זיין.

— דו שפּאַסט ניט?

— איך שפּאַס ניט.

— גוט, ווי דו פאַרשטייסט.

די זון אין מיזראך

ער האָט געקוקט אף איר נאָך א ווײַלע, נאָך אַלץ ניט גלויבנדיק, אַז זי מיינט עס ערנסט. א שמייכל געטאָן. צוגעגאַנגען צום טיש און גענומען דורכקוקן די פּאַפּירן.

אונא האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַן ווענטל פון דיוואַן און פאַרמאַכט די אויגן.

באַזאַן האָט יעדע רגע געוואָרפן א בליק צו איר.
א פרעג געטאָן:

— ביזט ניט הונגעריק, אונא? איך וועל הייסן ברענגען עפּעס עסן.
— ניין, איך בין ניט הונגעריק.
— איך וועל הייסן אָפּפירן דיך אַהיים מיט דעם אָטאָמאָביל.
דער שטורם ווערט שטאַרקער.
— איך בין מיד. איך וואָלט גערן געגאַנגען שלאָפן, אויב דו האָסט גאָרניט דאַגעגן און אויב דו האָסט ניט מוירע...
— מוירע פאַר וואָס?
— מוירע צו קאָמפּראָמעטירן זיך. זיי האָבן דאָך מיך געזען אַרויפגיין...
— אָה... דו ווילסט מיך אויספּרובירן.
— ניין, באַזאַן. דו ביזט דער איינציקער פאַר וועמען איך שעם זיך ניט צו פאַרטרויען מיין... שטימונג. און דאָס דענק איך איז דאָס איינציקע וואָס ווערט אויפוועקן זיין אינטערעס און אויפמערקזאַמקייט. ער וועט מיך פרעגן וואו איך האָב געגעכטיקט, וועל איך אים זאָגן. דאָס איבעריקע געוועגדט זיך אַן אים.

זי האָט א געניץ געטאָן:

— ענטשולדיק.

באַזאַן האָט געקוקט אף איר, געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— עס גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ ניט, אַז דו מיינסט עס.

יעדנפאַלס, אויב דו האָסט באַשלאָסן צו בלייבן דאָ נעכטיקן און אויב דו ביזט מיד, טאָ גיי לעג זיך. איך האָף עס וועלן זיך דיר ניט כאָלעמען קיין שלעכטע כאַלוימעס אין דעם בעט פון דעם דיקטאַטאָר.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, אַרייַנגעפירט אין צווייטן צימער און געמאַכט ליכטיק. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַפן בעט און געקוקט אַף אים אַ שמייכלענדיקע, אַ שולדיקע. גענומען אויפקנעפּלען די בלוזע בײַם האַלדז און אַראָפּגעלאָזט די הענט אַנמאַכט.

באַזאַן האָט געקוקט אַף איר, און געדאַנקען האָבן כאַאָטיש געאַרבעט אין זיין מויאַך. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פונאַנדערקלייבן זיך אין זיי. ס׳איז אים געוועזן אַזוי אָנגענעם צו זען, ווי זי זיצט אַף זיין בעט. זי, אונאַ. אַ פרוי, אַ צאַרטע, שיינע פרוי. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען אַזוי... ווי ער זעט זי איצט.

— וואָס קוקסטו אַזוי?

ערשט איצט, נאָך איר פראַגע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געקוקט אַף איר אַנדערש ווי אימער. געקוקט און אַליין ניט געוואוסט, אַז ער קוקט. האָט ער זיך צעשמייכלט:

— ווי קוק איך דען?

— מאָדנע קוקסטו... גיי, איך וויל שלאָפן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דער טיר פון באַלקאָן. אָפּגעגעבן זיך דעם ווינט — זאָל ער אים אַרומנעמען, זאָל ער אַרייַנדרינגען אין הארצן... זאָל ער אויך אין הארצן אויפהויבן אַ שטורעם. אָט בליצט ווידער. אָט אַזוי, ווייזט זיך אים, בליצט עפּעס אויך אין אים.

ער האָט געהערט, ווי אונאַ טוט זיך אויס, און ס׳האָט זיך אים

געוואַלט אויסדרייען זיך, אַ קוק טאָן אַף איר. און ווען זי האָט אויסגעלאָשן די ליכט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און געקוקט אין דער פינצטערניש, ווי וועלנדיק פונאַנדערנעמען זי מיטן בליק ווי מ׳נעמט פונאַנדער אַ שוואַרצן פאָרהאַנג, און זען זי, אונאַ אַ ווייסע, אַ נאַקעטע...

ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון צימער:

— אַ גוטע נאַכט, אונאַ...

ער האָט ניט דערקאַנט זיין שטימע און האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

זי האָט געענטפערט שטיל:

— אַ גוטע נאַכט, באָזאָן...

עס האָט זיך אים ניט געגלוסט אוועקצוגיין פון דער טיר, האָט ער געזאָגט:

— וועסט מיר גלייבן, עס גלוסט זיך מיר ניט אוועקצוגיין פון דער טיר. עס ווילט זיך מיר נאָך רעדן מיט דיר.
— רעד...
— אייגנטלעך, ווייס איך ניט וועגן וואָס איך וויל רעדן. מיר דוכט, אַז ווען איך זאָג: איך וויל רעדן, ווערט עס גלייך אַססאָציאירט מיטן געדאַנק וועגן פּאָליטיק, וועגן רעוואָלוציע... דו דערוואַרטסט, מיסטאָמע, אויך אַזאַ מין געשפּרעך?
— דו ווייסט ניט, וואָס איך דערוואַרט —
— וואָס מיינסטו?
— אַך...
— דו צעטומלסט אָפּט מיין געמיט, אונאַ... איצט, ווייזט זיך מיר אויס, אַז אין דיר איז פאַראַן אַזאַ וואָרט, וואָס איך דאַרף דערהערן און פאַרשטיין, אַפילע ווען דו האָסט עס ניט געזאָגט.

און אין מיר איז פאראן אזא... אזא טאט, וואס וויל זיך אנט־פלעקן אז מיר, אז מיין צושטימונג. אט דיין „אך" איז ווי דער ווידערקאל פון דיינעם, ניט ארויסגעזאגטן ווארט.

— דו האסט קיינמאל ניט גערעדט צו מיר אזוי.

— איך ווייס. דאס איז די שטימונג ארום... דיין בלייבן דא, און דאס, וואס דו ליגסט בא מיר אין בעט און —

— ווען איך ווייס ניט, אז דאס רעדסטו באזאן, וואלט איך געמיינט, אז ס'איז א פרעמדער.

— איך בין אפט פאר זיך אליין א פרעמדער. אט דא אין שטול זיץ איך אימער, אבער ניט אימער בין איך דא.

דאס לעבן איז פול מיט קאפריזן, אונא. און דורך גע־ווּיסע קאפריזן, עפשער, האט עס מיך ארויפגעשנאלט אהערצו און פארוואנדלט אין א דיקטאטאר און אויסגעפורמט מיין לעבן אזוי און ניט אנדערש. איך דערמאן זיך אפט, ווי איך און ארים פלעגן ליגן באם וועלדל מיטן פאסטוך און הערן זיינע מייסעס. עפשער לעבט ער נאך, דער אלטער, און ער ווייסט ניט אפילע, אז די צוויי קליינע אפגעריסענע, פארשמירטע יאטלעך זענען איצט גרויסע, גאר גרויסע מענטשן. אפט פלעג איך העלפן מיין מאמען אפשמירן אונדזער שטיבל מיט ליים און מיט פערדישן אפפאל, און איצט ליגט אין מיינע הענט אזא מאכט — און ווען ס'קומט צו די פאשעטסטע מענטשלעכע סיטואציעס, בין איך ווי א צוגעבונדענער צו אט דער מאכט, צו אט דעם גדויסן נאמען באזאן און צו די גרויסע טאטן. אפילע איך אליין האב מוירע פאר אט דעם באזאנען. און דערפאר איז מיין לעבן אזוי און ניט אנדערש. און איך ווייס ניט צו עמיצער וועט מיך קאנען ארויסרייסן פון דעם. דו, אונא...

ער האט געשוויגן א ווײַלע, ווי מוירע האבנדיק ארויסצוברייגען זיינע געדאנקען. האט זי געפרעגט:

— וואס איך?

האט ער זיך געלאזט טראגן פון דער שטימונג און פון די ווערטער.

די זון אין מיזראַך

וואָס האָבן געקלונגען אין זײַנע אויערן ווי פּרעמדע, ווײַטע...

— דו וואָלסט מיך געקאָנט אַרײַנפירן אין אַ נײַער וועלט, אין דער אינטימער וועלט, וואָס מ'רופט — ליבע.

זי האָט רעפלעקטירט שטיל און שוואַך:

— באַזאַן...

די ווערטער האָבן זיך שוין אָבער ווי באַפרײַטע פויגלען געריסן ווי מיט ברענענדיקע פליגל:

— מיר דוכט, איך וויל פאַרגעסן, אַז דו ביזט מײַן ברודערס ווײַב.
— דו טאָרסט ניט פאַרגעסן.
— איך טאָר ניט? טאָרן מיר טאַקע ניט? מיר דוכט, אַז אַרים וואָלט אויך דאָס, וואָס איך פיל איצט צו דיר אָנגערופן: וועלן ווים...

זי האָט ניט געענטפערט. די שטילקייט אַרום, האָט זיך אויסגעוויזן, וואַרט. און ווידער:

— אַך...

דער „אַך" אירער האָט ווידער אַרוף געטאָן און אין דער זעלבער צײַט אַ שרעק געטאָן. — האָט ער שטיל, ניט דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— אונאַ, זאָל איך אַרײַנקומען צו דיר?....

זי האָט קימאַט אויסגעשריען. און איך פאַרשטיקטער אויסגע־שריי איז געווען פול מיט פאַרצווייפלונג. עס איז געווען דער אויסגעשריי פון אַ פאַרטרונקענער אין געפילן — דער געשריי פון פּיין און ליבע:

מ. גיציס

— באזאן!

ער האט דערהערט איר געוויין. עס האט אים געצויגן צוצוגיין צו איר, ארומנעמען זי. ער האט עס אבער ניט געטאן. דער אויסגעשריי אירער איז געבליבן שטיין צווישן אים און איר און ניט געלאזט אריבערטרעטן די שוועל. ער איז געבליבן שטיין ווי אן אויסגעלאשענער. ערגעץ האט ער געפילט און געוואוסט, אז ס'איז דא א וועג ווי צוצוקומען צו איר, צו אונאן, צו דער פרוי — ער האט אבער ניט געוואוסט וואו.

ער איז ווידער צוגעגאנגען צו דער טיר פון באלקאן. געשטאנען דארט א לאנגע צייט און געטראכט.
דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו דער טיר פון צימער, וואו אונא איז געשלאפן און שטיל פארמאכט זי.
גענומען שפאנען איבערן צימער הין און צוריק. אט אזוי פלעגט ער שפאנען אין דער טפיסע. הין און צוריק, הין און צוריק.

שטיל.
געבליבן שטיין באם טיש. אויפגעהויבן דאס טרייבל פון טעלעפאן.
גערעדט שטיל און טרוקן:

— איפסאלאן — זיבן—זיבן—זיבן. דירעקטע פארבינדונג.

געווארט א ווײַלע ביז די פארבינדונג איז געמאכט געווארן:

— שאלאם? דאס רעדט באזאן. יא. ארעסטירט ראווילן. יא. איך, פערזענלעך... יא, איך שיק א שריפטלעכן באפעל.

ער האט אויפגעהאנגען דאס טרייבל און געבליבן שטיין אומבאוועגלעך, קוקנדיק אין דער פוסטקייט אן ערנסטער, אן ענטשלאסענער.

די זון אין מיזראַך

II

נוראַ . . .
אַ שלאַנקע ברונעטן מיט גלאַט פּאַרקעמטע האָר; נוראַ — מיט מאַנדל אויגן, פון וועלכע עס ציען זיך אומזעבאַרע, שוואַרצע פעדעם־נעצן; נוראַ — די קאַלטע אין איר שטאָלצקייט און ברענענדיקע אין איר צאָרן; נוראַ, וועמעס שטימע עס האָט אַמאָל וויברירט אין באַזאַנס האַרץ ווי טיפע טענער פון אַ וויאָלאָנ־טשעל . . .
נוראַ — זי איז נאָך שען.

לאַראַן, דער מאַן אירער איז אַ באַרימטער מאַן. ער איז דער הערשער איבער דער בימערישער, עסטעטיש־גייסטיקער מעדינע, וואו די קעניגין איז — מוזע. די קרוין זיינע הענגט ערגעץ אין די וואָלקנס און דער טראָן זיינער איז אַ פּאַפּירענער. ער איז אַ באַרימטער מאַן, לאַראַן, אָבער באַרימטער איז באַזאַן. זיין מע־דינע קאָן זי זען. זי איז ווייט צעשפּרייט פון יאַמען צו יאַמען. באַ די גרענעצן פון זיין מעדינע, ווייסט זי, שטייען וועכטער; און אין אַלע יאַמען, ווייסט זי, שווימען זיינע שיפן; און די קרוין זיינע, ווייסט זי, האַלט זיך אויף שאַרפע שפּיזן; די שפּיזן זענען מאַכט, און די מאַכט איז זיינע.

לאַראַן איז אַ באַרימטער מאַן, אָבער די טירן צו זיין האַרץ און קאָפּ זענען אָפן. פריי און אָפן. זיינע אויגן זענען בלוי, און זיין וואָרט איז מילד. זי וויל אָבער אויגן, וואָס שניידן, זי וויל אַ וואָרט ווי אַ בייטש און הענט ווי קלאַמערס.

אין אירע צימערן שוועבן גייסטער. טאָג און נאַכט הערט זי זייערע ווערטער. און דער מעדיום איז לאַראַן. ער, און נאָך אַזעלכע

ווי ער — פול מיט פראזן און ציטאטן פון וואלטער, פון געטע, פון טאלסטאי און ניטשע, פון ראלאן און גארקי, פון שעקספיר, פון דאסטאיעווסקי, פון לענין און מארקס, פון שפינאזא און פלאטא — — גייסטער.
זי אליין וואלט שוין געקאנט ווערן א מעדיום און ברענגען ציטאטן נאך ציטאטן. און ס'דוכט זיך איר, אז זי הערט אפט, ווי אירע געדאנקען שארפן זיך אן די ליטעראריש פילאזאפישע מילשטיינער און שפריצן מיט פונקען.

פאעטן, אקטיארן, מאלער, שטאטסלייטע... זי קאן זיי אלע. זי פילט זייערע בליקן אף זיך. אויגן, וואס לאשטשען זיך ווי הינטלעך; אויגן, וואס גליען ווי קוילן; אויגן, וואס ווינקען ווי ווייטע פייערלעך אף ווייטע ליכט־טורמס...
זי זעט אפט ראווילס אויגן. ער קומט אפט אריין. זיינע אויגן זענען ווי טיפע, בלויע וואסערן... עס ווייזט זיך, מ'קאן זיך איינטונקען אין זיי. ער איז פארליבט אין איר. און איר געפעלט ער אויך. זיי זענען אינטים, נאענט אינטים. זיינע אויגן זענען ווי בלויע וואסערן, מ'קאן זיך איינטונקען אין זיי.

באזאנס אויגן זעט זי נאר אף דעם פארטרעט, וואס ער האט צו־געשיקט לאראנען מיט זיין אונטערשריפט: צו מיין פריינט דעם גרויסן דיכטער לאראן. זיין נאמען הערט זי דערמאנען אפט, אבער קיינמאל ניט מיט דער פרייער פראזעאלאגישער כאראקטעריסטיק, ווי זיי דערלויבן זיך, רעדנדיק וועגן די גייסטער. זי וואלט געוואלט הערן ווי זיי דרינגען אריין אין זיין נעשאמע און גריבלען זיך אין איר, און דעקן אף די טיפסטע און טונקלסטע געהיימניסן. זי וואלט געוואלט זיי זאלן זי אריינפירן אין זיין נעשאמע, ווי זיי האבן זי אריינגעפירט אין די נעשאמעס פון מאראטן און פון אנדערע. כאשט איר דוכט זיך, אז זי קאן אים בעסער פון זיי. זי געדענקט דאך אים נאך פון יענע טעג, ווען ער איז נאך געווען פארליבט אין איר. עס פלעגט איר געפעלן אין אים זיין בערישע האלטונג, זיין לאגישער מויאך, זיין ווילן און זיין וואגלערישקייט. זי קאן אים גוט.

זי זעט אים בײַ די פּאַראַדן. זי זעט אים בײַ די קאָנגרעסן. עס וואָלט געווען פֿאַר איר זייער לײַכט צוצעקומען צו אים און זאָגן אים, וואָס עס וואָלט זיך איר נאָר געגלוסט. זי איז אָבער שטאָלץ. זי האָט שוין געפּרואווט. זײַנע אויגן האָבן ניט געענטפֿערט. זי האָט אים אַ פּאָר מאָל געזען אין טעאַטער. נורא, די אַקטריסע האָט אים, ווײַזט אויס, יאָ געצויגן.
זי הערט אָפֿט זײַן שטימע אויף דער ראַדיאָ. זי ציטערט ווען זי הערט אים, און זי זאָגט עס אָפּ לאַראַנען. זי ציטערט מיט דעם ציטער פֿון אַ טיגערטע, וואָס זעט איר קאָרבן און וויל אים פֿאַרצוקן. לאַראַן שמייכלט. זי האָט פֿײַנט דעם שמייכל. ער שטרײַכט אונטער איר נידערלאַגע: בײַזאַן איז אַ פֿעסטונג, וועלכע אַפֿילו זי נורא, וועט ניט אײַננעמען. אַזוי ווײַזט זיך אויס, רעדט זײַן שמייכל. און אַזוי איז עס —— דערווײַלע.

די גאַנצע עסענץ פֿון ליבע — איז זיג. די גאַנצע געשלעכט פֿילאָזאָפֿיע צילט צום זיג. זי וויל אים אָבער ניט נעמען, ווי זי האָט גענומען ראַווילן. זי וויל באַזיגן אין אים בײַזאַנען — דעם דיקטאַטאָר.
דער וועג צו בײַזאַנען איז אַ לאַנגער.

. . . .

דער וועג צו בײַזאַנען איז אַ לאַנגער. אָבער, ענדלעך, —— ס׳איז דער וועג צו בײַזאַנען.
בײַזאַן האָט געשיקט נאָך לאַראַנען, גייט ער איצט צו אים. נורא האָט באַשלאָסן: זי וועט גיין מיט אים.
ס׳איז פֿאַרנאַכט, און זי איז דאַנקבאַר וואָס ס׳איז פֿאַרנאַכט. אין דער ליכטיקייט פֿון טאָג איז אַלעס קלאָר, זעט מען אַלע שטרויכלונגען. מ׳איז פֿאָרזיכטיק. אין אָוונט־ליכט איז זי רייצנדער. אין אָוונט־ליכט פֿלעכט זיך אַ געשפּרעך אינטימער.
לאַראַן איז שווײַגנדיק. דער אַרעסט פֿון ראַווילן האָט אויף אים שטאַרק געווירקט. ער ווייסט: דער געשפּרעך וועט זײַן וועגן דעם. ער איז ניט צופֿרידן, וואָס נורא פֿאָרט מיט אים. ער

שוויגט, שוויגט זי אויך. זי טראכט, אז זי וואלט געוואלט זיין מיט באזאנען אליין. אבער ווי אזוי... לאראן קאן ניט פארשטיין איר עקסצענטרישן פארלאנג צו פארן מיט אים. וועט באזאן פארשטיין?
אט שטייט דער פאלאץ. אן אנגעכמורעטער, אלטער אריסטאקראט. אין דעם פאלאץ זענען, מיסטאמע, אנגעכמורעטע צימערן, און אין די צימערן וואוינט באזאן.

די פראצעדורע אריינצוקומען נעמט ניט לאנג. באזאן, ווייזט אויס, האט שוין פריער אלעס אראנזשירט. זי וועט אבער מוזן בלייבן אונטן. ארויף צו באזאנען לאזט מען זי ניט. די אדיענץ איז בלויז פאר לאראנען אליין. לאראן האט געבעטן מ׳זאל אים פארבינדן דורך דעם טעלעפאן מיט באזאנען, האט זי ניט גע־לאזט. זי וויל ניט, זי וועט בלייבן אונטן.

. . . .
. . . .

לאראן האט געעפנט די מאסיווע טיר.
באזאן איז געזעסן באם טיש איבער די פאפירן. א קוק געטאן אף לאראנען מיט א גלייכגילטיקן בליק:

— א, לאראן. קום נענטער. זיץ.

לאראן איז צוגעגאנגען נענטער און אנידערגעזעצט זיך אפן שטול, וואס באזאן האט אים צוגערוקט. געווארט.
באזאן האט געצויגן די ליולקע:

— דו ווייסט, מיסטאמע, צוליב וואס איך האב דיך גערופן?
— לייכט אנצושטויסן זיך.
— דיין נאמען איז אין צעטל פון די ראוויליסטן.
— יא, איך שטיי אפן די באוועגונג און דו האסט אומזיסט פארשלייערט עס אין א קאנספיראטיוון שלייער.

באַזאַן האָט איגנאָרירט זיין באַמערקונג:

— דיין אונטערשטיצן ראַווילן האָט אַ גרויסע מאָראַלישע ווערט. דו ביזט אָבער אַ קנאַפּער פּאָליטיקער לאַראַן. זיין אַ גוטער דיכטער, הייסט נאָך ניט זיין אַ גוטער פּאָליטיקער, הייסט נאָך ניט זיין אַ גוטער עקאָנאָמיסט. דו ביזט זיכער גרויס אין דיין פאַך, אָבער ווען עס קומט צו רעגירונגס אַנגעלעגנהייטן, ווען עס קומט צו ערנסטע סאָציאַלע איבערבויאונגען און פּראָבלעמען — לאָז דאָס איבער צו מענטשן, וועלכע האָבן אויפגעגעסן זייערע ציין אויף דעם. יעדער דיכטער איז אַביסל צו סענסעטיוו און סענטימענטאַל. זיי מאַכן רעוואָלוציעס, בויען לענדער, באַפרייען פעלקער זייער לייכט... אין פערזן. זיי זענען די ערשטע אונטערצוגעבן זיך דעם אימפּולס פון סענטימענטן. זיי זענען מענטשן מיט געדאַנקען, וואָס טראָגן פליגל — מייסטנס פּאַפּירענע פליגל; מענטשן, מיט הערצער, ווי רויטע באָמבעס — די ערשטע צו עקספּלאָדירן. מערסטנס עקספּלאָדירן זיי אָבער ניט אין דער ריכטיקער צייט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך לאַראַן באַנוצט מיט דער געלעגנהייט:

— דו ווילסט די גאַנצע סיטואַציע פאַרוואַנדלען אין אַ מין סאָציאַלער רעוואָלוציע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין פאַרגעקומען. עמעס, איך בין אַ דיכטער און לאָז זיך אַפּט פאַרטראָגן פון סענטימענטן — די סענטימענטן קומען אָבער פון טיפע קוואַלן.

— פון וואָס פאַר אַ קוואַלן?

— קוואַלן פון וועלכע עס שלאָגן די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכטע — פרייהייט פון אינדיווידועלן אויסדרוק...

— אַ, יאָ. מיר האָבן דאָך שוין וועגן דעם געלייענט אין אייער פּראָקלאַמאַציע. יאָ... פרייהייט פון אינדיווידועלן אויסדרוק...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען שפּאַנען איבערן צימער. געבליבן שטיין נעבן לאַראַנען:

— זאג מיר, לאראן, וואס דענקסטו וועגן מיר אלס רעוואָלוציאָנער ?

— אלס רעוואָלוציאָנער האסטו, ביז א געוויסער מאָס, דיין ראָלע אָפּגעשפּילט.

— און וואס פאר א ראָלע שפּיל איך איצט ?

— די ראָלע פון א דיקטאטאָר.

— גוט. לאָמיר צוגעבן, אז איך פערזאָניפיציר מיט זיך די דיקטאטור. דענקסטו, אז אלס דיקטאטאָר בין איך ווייניקער רעוואָלוציאָנער ווי פריער ?

— איך דענק אזוי.

— דענקסטו, אז די אלע רעפאָרמען, וועלכע איך פיר דורך אונטער דעם דיקטאטאָרישן שטעמפּל זענען ניט צוליב דער רעוואָלוציע און צוליב דעם פאָלק ?

— יא, צוליב דעם פאָלק. אָבער דאָס פאָלק וויל אויך האָבן א וואָרט אין דעם. דו האסט גענומען אף זיך די ראָלע פון א כירורג, וואס וויל אָפּערירן אף דעם קערפּער פון פאָלק אף זיין אייגענעם ריסק. איך רעד שוין ניט וועגן די אַנעסטעטישע מיטלען, וואס דו ווענדסט אָן. אָפט איז עס א קויל אין קאָפּ און דער פּאציענט פאָלגט.

— ס'איז א פיינער מעטאפאָר, דיכטער לאראן; דו ווייסט אָבער זייער גוט, אז איך בין ניט איינער. איך האָב מיטהעלפער, עקספּערטן כירורגן. אלע צעזאמען אָפּערירן מיר, אלע צעזאמען עקספּערימענטירן מיר. די רעזולטאטן זענען גאנץ גוטע.

— דו ביזט אָבער דער הויפּט כירורג. זיי פאָלגן דיך.

— קאָן איך דען העלפן ? אפילע ווען ס'קומט צו דער אידעאלסטער, אנארכיסטישער געזעלשאפט, אפילע דאן וואלט זיך פון די רייען ארויסגערוקט דער הויפּט כירורג. ס'קאָן גאָר אנדערש ניט זיין. איך גיב צו, אז מאָראליש, טעאָרעטיש ביזטו גערעכט. דו מוזט אָבער פארשטיין, אז אָפּעראציעס אין אזא מאשטאב פאָדערן מער צייט, מער אויסגעהאלטנקייט און מער פאראנטוואָרטלעכקייט. און פאראנטוואָרטלעכקייט איז די הויפּט זאך. דיקטאטור איז איצט דער באנדאזש אף דעם שווער אָפּערירטן קערפּער. ס'איז דער באנדאזש, וואס דאָס פאָלק מוז טראָגן ביז די וואונדן

וועלן זיך פאַרהיילן. איך בין זיכער, אַז איך וועל נאָך זיין דער־דאַזיקער, וואָס וועט צעביסלעך באַפרייען זיי פון די באַנדאַזשן, און איך גרייט זיך דאָס צו טאָן. איך וועל אָבער קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז יעדער פּאָעט, און יעדע אומפאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָן זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ באַפרייער.

— ראַוויל איז ניט קיין פּאָעט. ער איז אַ מיטגליד פון צענט־ראַט און ער אַפּערירט צוזאַמען מיט דיר. און דאָך האָסטו אים אַרעסטירט.

— איך האָב אים אַרעסטירט ניט פאַר זיין ניט וויסן, און ניט פאַר זיין שטרעבונג צו פרייהייט. איך האָב אים אַרעסטירט, ווייל אַזוי פאָדערט דער געזעץ פון דיקטאַטור.

— ד ע ר ג ע ז ע ץ ?!

— יאָ, דער געזעץ. איצט הערשט די דיקטאַטור, און דאָרט, וואו עס פאָדערט זיך אין אייזערנע האַנט, זענען סענטימענטן ווי פליגן.

— עס איז אַן אָפענע דעקלאַראַציע פון אַטאָקראַטיע.

— ראַוויל אַליין האָט געהאָלפן שאַפן אָט די אַטאָקראַטיע, אויב דו ווילסט עס אַזוי אָנרופן. איצט פאַרזייט ער דאָס רעבעלנ־דיקע וואָרט, און דאָרט וואו מ'פאַרזייט אַ וואָרט — דאָרט וואַקסן אויס טאַטן.

— לויט דיינע פּרינציפּן און לויט דיין אינטערפּרעטאַציע פון געזעץ וואָלסטו מיך אויך באַדאַרפט אַרעסטירן.

— דו ווייסט איך וועל עס ניט טאָן.

— דאָס באַווייזט, אַז אין דעם פאַל נעמט דער געזעץ אַן אַ פּערזענלעכע שטעלונג — די רעוואָלוציע און די געזעצן הויבן אָן צו ווערן דיינע פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייטן.

—אַ ! אָט האָסטו עס שוין אָוועקגעשטעלט אויף אַ פּערזענלעכן באַזיס !

— עפּשער... מיר דאַרפן אָבער האָבן אַביסל מער מוט, באַזאַ. אין די קאַמפן, וואָס מיר האָבן געפירט און מיר פירן נאָך איצט, איז פאַראַן אַ סאַך פּערזענלעכעס. אַזעלכעס, וואָס ליגט שוין יאָרן, עפּשער, אין די הערצער. און ווען ס'קומט די געלעגנ־הייט, דער מאָמענט, שפּרינגט עס אַרויס. דו אַליין ווייסט עס ניט,

עפשער. אבער פּאַשעטע, קליינינקע, פערזענלעכע אַנטיפּאַטיעס אַנטשיידן אָפט גרויסע פּאַסירונגען און טאַטן. עס שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ, פאַרמאַסקירט זיך מיט פראַזן און ס׳וואַקסט אויס אַ פּרינציפּ.

באַזאַן האָט געקוקט אויף אים, באַהערנשדיק זיך קוים. געקוקט אויף אים, ווי וועלנדיק דורכנעמען אים מיט די בליקן. צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעשפּאַרט זיך אָן אים מיט די הענט און געזאָגט שטיל:

— לאַראַן, קוק מיר אין די אויגן און זאָג מיר אָפנהערציק: בין איך אַ פאַרברעכער פון דער רעוואָלוציע? זענען מיינע וועגן, ווירקלעך וועגן, וואָס פירן צו פאַרשקלאַפונג?

לאַראַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. איז באַזאַן געשטאַנען אַזוי נאָך אַ ווײַלע און געוואַרט. און ווען קיין ענטפער איז ניט געקומען, האָט ער אויסגעשריגן:

— האָב מוט, לאַראַן! האָב מוט, אויב דו דענקסט אַנדערש. דאָ, מיט מיר, מעגסטו האָבן די פרייהייט פון אינדיווידועלן אויסדרוק אין וועלכן איר אַלע גוויטיקט זיך אַזוי שטאַרק, גראַדע איצט.

לאַראַן האָט דערשפּירט דעם פּײַן, וואָס האָט אַ קלונג געטאָן אין באַזאַנס אויסגעשריי:

— אַז מ׳וויל, באַזאַן, איז פרייהייט אויך אַ פילאָזאָפיע. איך ווייס, קיין אַבסאָלוטע פרייהייט קאָן ניט זײַן און מיר ווילן זי ניט. ס׳איז פאַראַן אַ פרייהייט, וואָס ווערט דיקטירט פון קאָפּ, און דאָס איז דײַן פרייהייט. ס׳איז אַ פרייהייט לויט אַ געוויסער סיסטעמע; ס׳איז אַ פרייהייט, וואָס ווערט מעכאַניזירט און רעגולירט, וואָס טיילט איין יעדן איינעם אַ געוויסע פּאַרציע, פּונקט ווי אַ מאַשין, וואָס איז אָנגעשטעלט אָנצעפּילן פלעשלעך מיט מילך אָדער ווײַן. ס׳איז אָבער פאַראַן נאָך אַ פרייהייט, וואָס קומט ניט פון דעם קאָפּ, נאָר וואָס קומט, ווי מ׳דריקט זיך אויס, פון

האַרצן, פון דער נעשאַמע. ס׳איז יענע פרייהייט, וואָס זינגט; ס׳איז אַ פרייהייט אין וועלכער עס שוועבט פּאָעזיע; ס׳איז אַ פרייהייט, וואָס דערנענטערט, ווי אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן, וואָס אינספּירירט צו ליבע, וואָס וועקט עמאָציע, וואָס פאַראייניקט אין ברידערלעכקייט. אָט אַ דידאַזיקע פרייהייט פעלט אונדז.

באַזאַנס אַקסלען האָבן געצוקט פון געלעכטער.

— פראַזן, פראַזן, פראַזן... ווי לייכט מיר ווערן פון זיי געפאַנגען, געפאַנגען פון ווערטער, וועלכע מיר אַליין שאַפן, וועלכע מיר אַליין ציען, ווי זילבערנע און גאָלדענע פעדים פון אונדזער מויאַד. דו ביזט אַ פּאָעט, לאַראַן, און דיין פרייהייט איז אַן אויסגעטרוימטע, אַן אויסגעפאַנטאַזירטע. דיין פרייהייט איז ניט קיין פילאָזאָפישע פרייהייט, אַפילע — ס׳איז אַ ליד, אַ כאָלעם. איך האָב אַמאָל אויך געכאָלעמט וועגן אַזאַ מין פרייהייט, ווען איך בין געווען יונג און אומדערפאַרן. יאָ, לאַראַן, פרייהייט ווערט צעזאַמענגעשטעלט, קאָמפּאַקטירט ווי אַ מאַשין; צעזאַמענגעשטעלט פון אינזשענערן פון עקאָנאָמיק, אינזשענערן פון סאָציאַלער וויסנשאַפט און אינזשענערן פון קונסט.

ער האָט גענומען אָנשטאָפּן די ליולקע. געשוויגן אַ ווײַלע. דערנאָך אַזאָג געטאָן:

— דו, לאַראַן, ביזט אין דיין רעוואָלוציאָנערן אימפּעט געטראָגן געוואָרן פון עמאָציעס; דו האָסט פון דיין צימער פון צווישן דיינע פיר ווענט אויסגעזונגען דיין באַגייסטערונג פאַר יענער פרייהייט, וואָס איז אַ סאָד שענער פון דער ווירקלעכקייט, פאַר יענער פרייהייט, וועלכע דו האָסט ניט געזען. און איך, לאַראַן, האָב באַדאַרפט שפּאַנען אין טייכן בלוט; איך האָב באַדאַרפט גריזען מיט די ציין די פאַרזשאַווערטע קייטן; איך האָב באַדאַרפט באַפרייען לעבעדיקע מענטשן, פאַרשמיסענע, פאַרשפּיגענע, הונגעריקע און אויסגעדאַרטע. דאָס איז געווען ניט פאַנטאַזיע, דאָס איז געווען ווירקלעכקייט. אַף שריט און טריט

האבן מיר געזען דעם אומרעכט, האבן מיר געזען די עקספּלואַ־טאַציע, האָבן מיר געזען די סינע און הערשאַפט. און אַט דאָס אַלעם האבן מיר צעשמעטערט. די רעזולטאַטן זענען ניט אַב־סטראַקציעס, לאַראַן, ס׳איז ווירקלעכקייט, ס׳איז לעבן.

לאַראַן האָט געענטפערט:

— איך גיב עס צו. עס פעלט אָבער פאַרט דאָס געזאַנג. מיר לעבן נאָך אַלץ אונטער דעם טעראָר פון מאַכט, אונטער טעראָר פון הערשאַפט. מוז ער נאָך אַלץ דרוקן אונדזער געמיט? מוז ער נאָך אַלץ האַלטן אונדז אין די צוואַנגען פון מוירע און שרעק אין וועלכע מ׳האָט אונדז געהאַלטן יאָרהונדערטער?

— מ׳מוז.

— מ׳מוז, ווייל דו ביזט דער, וואָס האַלט די מאַכט. מ׳מוז, ווייל דו ביזט אפגעטיילט פון אַט דער קאַטעגאָריע און אין דעם זעלבסט היפנאָז פון הערשאַפט זעסטו ניט די צוואָועשקייט פון דער סיטואַציע אין וועלכער דער רעוואָלוציאָנער באַזאַן געפינט זיך.

— לאַראַן, די מאַכט, וואָס איך האָב, איז ווי א שטריק אַרום מיין האַלדז און מיט אַט דעם שטריק מוז איך שלעפּן דאָס פאָלק.

— דו מוזט?

— יאָ, איך מוז, ווייל דאָס פאָלק אַליין האָט מיך איינ־געשפּאַנט און אַפּט, זייער אָפט פיל איך ווי דער שטריק אַרום מיין האַלדז נעמט מיך שטיקן.

— וואַרפט מען אַראָפּ דעם שטריק.

— כאַ־כאַ, זיי לאָזן ניט. און ס׳איז קיין אונטערשייד — זיי וועלן אים אָנטאָן א צווייטן. און לאַראַן, זיי טוען אים קיינ־מאָל ניט אָן אף פּאָעטן. זיי ווייסן ווער ס׳איז שטאַרק גענוג צו שלעפּן. זיי דאַרפן ניט קיין סענטימענטאַליסטן — זיי דאַרפן באַזאַנס.

— איך וואָלט ניט גענומען דעם יאָך אף מיין האַלדז, באַזאַן. איך וואָלט ניט געוואָלט שלעפּן מיט קויאָך און אַליין דערשטיקט ווערן פון דער מאַסע. און איך שעם זיך ניט מיט מיין סענטימענטאַליטעט, און איך ווייס, אַז אַפילע דו ביזט א סענטי־

מענטאַליסט אונטער דער גראָבער הויט פון אַ הערשער...

— אַ הערשער — אַ סענטימענטאַליסט...

יאַ, מ'קאָן עס זיין. אַ סאַך גרויזאַמע הערשער זענען געווען סענטימענטאַל.

— מיין סענטימענטאַליטעט אונטערשיידט זיך פון דיינער. מיינע איז, ווי דו זאָגסט, אונטער אַ גראָבער הויט. יאַ, זי איז איינגעפּאַסט אין אַן אייזערנעם ווילן. דיינע איז ווי אַ באַלון, וואָס טראָגט דיך אין דער לופט, וואָס לאָזט דיך ניט ווערן פונ־דאַמענטאַל. איך, לאַראַן, בין אַף דער ערד. דו פליסט און איך בוי. און וואָס געהערט צום טעראָר פון מאַכט, איז עס אומפאַר־מיידלעך, דערוויילע. שוין יאָרן, אַז מיר קאָנען זיך, לאַראַן. און דו ווייסט, אַז גרויזאַמקייט איז ניט אין מיין כאַראַקטער און אַז אַ דער טעראָר פון מאַכט איז אויך מיר דערווידער. און ניט איינמאָל וואָלט זיך מיר געוואָלט אַרויסגיין און אַ געשריי טאָן: גענוג! גענוג מיט דיקטאַטור! ווייס איך אָבער, אַז דאָס לעבן וועט מיך ניט פאָלגן. זאָל איך דיר זאָגן, אַז איך זיץ דאָ אָפט און עס בלוטיקט מיר מיין האַרץ, און ס'וואָלט זיך מיר געוואָלט אויפרייסן די גאַנצע וועלט פון ראַכמאָנעס צו דער מענטשהייט? דו וועסט מיר, עפּשער, ניט גלויבן. טיף אין דער נעשאָמע בין איך עפּשער אַפילאָזאָפישער פּעסימיסט אַף וועמעס גוירל ס'איז אויס־געפאַלן צו ווערן אַ מאַטעריאַליסטישער אָפּטימיסט. דאָס איז אָבער ווידער אַמאָל נאָר פראַזן, פראַזן און פראַזן. אונדזער אומ־גליק איז, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט רעדן. עס וואָלט אַ סאַך בעסער געווען פאַר דער מענטשהייט, ווען זי קאָן נאָר טראַכטן. דאָס רעדן פאַרפירט אונדז, און פאַרפלאָנטערט אונדז אין נעצן, וועלכע מיר אַליין שאַפן. אָבער... מיר האָבן שוין דוכט זיך גענוג פילאָזאָפירט. איך וועל דיר זאָגן צוליב וואָס איך האָב דיך אַרויסגערופן אַהער. מיר וועלן ניט דיסקוטירן די פראַגע צו דו האָסט זיך קאָמפּראָמעטירט מיט דיין צושטיין צו ראַווילן, צו ניט, ס'איז קלאָר: טאַקטיש איז עס ניט געווען... איך דענק, אַז ס'וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז דו זאָלסט עפּנטלעך דערקלערן...

לאַראַן האָט זיך האַלב אויפגעהויבן אַ באַליידיקטער:

מ. גיציס

— מיין טאָעס? . . .
— יאָ, דיין טאָעס.
— איך וועל עס ניט טאָן, באַזאַ, ווייל דער קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט די פּראָקלאַמאַציע מיט מיין צושטימונג.
— דער קאָמיטעט וועט מאָרגן אַרעסטירט ווערן.
— דו האָסט דעם פאָרשלאָג געמאַכט נאָר מיר?
— נאָר דיר.
— און ראַוויל?
— וועט דערווייל בלייבן אַרעסטירט.
— און מיין עפנטלעכע דערקלערונג וועט מיך הייסט עס...
— רעאַבילִיטירן אין די אויגן פון פאָלק.
— מיך רעאַבילִיטירן און דיך אַרויספירן פון אַן אומאָנגענעמענער לאַגע.
— וואָס מיינסטו?
— ס'איז קלאָר. דו ווילסט מיך ניט אַרעסטירן, ווייל דו האָסט מוירע.

באַזאַנס אויגן זענען געוואָרן שטאָל קאַלט:

— מוירע?
— יאָ, מוירע. מוירע פאַר דעם פאָלק. מ'וואָלט עס דיר ניט פאַרגעבן. מיין נאָמען איז צו באַליבט. ווּעסטו מיך אַרעסטירן, וועט מען דיך סיי דאָ אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד שטעמפּלען אַלס באַרבאַר; ווּעסטו אַרעסטירן די איבעריקע און מיך ניט, וועט מען לאַכן, וועט מען זאָגן, אַז דו האָסט ניט געהאַט קיין מוט. ווילסטו, אַז איך זאָל מיט מיין דעקלאַראַציע לייזן די סיטואַציע.
— דיין אויספיר איז נאָר האַלב ריכטיק. אויב דו וועסט ניט צושטימען צו מיין פאָרשלאָג, וועל איך זיין געצוואונגען צו האַנדלען לויט מיין רעוואָלוציאָנערן געוויסן, ניט רעכענענדיק זיך מיט די מיינונגען דאָ און אין אויסלאַנד.

לאַראַן האָט איראָניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

די זון אין מיזראַך

— דיין רעוואָלוציאָנערער געוויסן... איך וועל האַנדלען לויט דעם מענטשלעכן געוויסן. איך בין גרייט.

באַזאַן האָט געענטפערט טרוקן:

— איך בין אויך גרייט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אַ פעסטער און אַ שווייגעדיקער. זיין איינגעהויקערטע פּלייצע און אַנגעכמורעטע ברעמען האָבן געזאָגט מער ווי ווערטער.

לאַראַן האָט גענומען זיין הוט און געגרייט זיך אוועקצוגיין.

ניט אויפהייבנדיק די אויגן, און זוכנדיק צווישן די פּאַפּירן האָט באַזאַן געזאָגט:

— שטעל זיך אונטער הויז אַרעסט ביז ווייטערדיקע אינסטרוקציעס.

— יאָ, אייער מאַיעסטעט...

באַזאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ בליק פון פאַרוואורף און ענטוישונג.

אין לאַראַנס אויגן האָט געשיינט אַ מילדער כוויזעק און איראָניע. בא דער טיר האָט ער אָזאָג געטאָן:

— יאָ, ניט צו פאַרגעסן... נורא האָט געבעטן איבערגעבן דיר אַ גרוס.

— נורא?... אָה, יאָ... אַ דאַנק.

— אַ גוטן אָוונט.

— אַ גוטן אָוונט.

לאַראַן איז אַרויסגעגאַנגען.

באזאן האט שווער א זעץ געטאן מיטן פויסט אן טיש, און די אויגן זיינע האבן בייז א בליץ געטאן צו דער טיר. ער איז גע־וואוינט געווען צו קוקן דעם עמעס אין די אויגן. דער עמעס, וועלכן ער אליין זאגט זיך, רירט אפט אן דאס האַרץ און דעם מויאַד, און אָפט קאַרטשעט ער זיך אזש צענויף פון ווייטיק ווען ער דערפילט אים און דערהערט אים אין זיך, דער עמעס אבער, וואס אנדערע זאגן איז שארפער, ברענענדיקער... ער ווירקט ווי סאם און שפרייט א בלוטיקן נעבל פאר די אויגן. איבער־הויפּט... ווען דאס ארויסגעזאגטע שטייט אָפט נאָר באַם גרענעץ פון עמעס.

. . . .

דער טעלעפאן האט אנגעהויבן קלינגען, האט ער אויפגעהויבן דאס טרייבל:

— האַללא. ווער? ווער? ווי אזוי?... ניין. איך קאן זי ניט אויפנעמען, אדער... ניין... ווארט... שיקט זי ארויף.

ער האט אויפגעהאנגען דאס טרייבל און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. געקוקט יעדע רגע צו דער טיר.
צענויפגעלעגט די פאפירן אפן טיש און צוגעגלעט די האר.
עס האט גענומען אפאר מינוטן ביז עס האט זיך דערהערט א קלאפּ אין טיר. ער האט א פיר געטאן מיט די הענט איבערן פּנים, ווי אנטוענדיק א מאסקע און א ברום געטאן עפּעס אומפארשטענד־לעכעס.

די טיר האט זיך געעפנט און נורא האט זיך באוויזן אין שווארצן. דאס פּנים אירס האלב פארדעקט מיט א וואואל. זי איז גע־בליבן שטיין אף דער שוועל און אראפּציענדיק די שווארצע הענטשקע פון איר האנט, געקוקט אף באזאנען מיט א קוים באַ־מערקטן שמייכל.

ער האט געקוקט אף איר מיט א געמאכטער רואיקייט.
צוגערוקט א שטול:

די זון איז מיזראַד

— זיץ.
— אַ דאַנק.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און אַרומגעקוקט דאָס צימער.

ניט קוקנדיק אַף איר, האָט ער געזאָגט:

— עס וואונדערט מיך אַף לאַראַנען. ניט שוין זשע דאַרף ער דיין הילף, וואָס ער האָט דיך מיטגענומען מיט זיך?

זי האָט פאַרזשמורעט אירע אויגן:

— ער האָט מיך ניט מיטגענומען. איך אַליין האָב געוואָלט מיטגיין. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט צו זען דיך. מ'האָט מיך ניט געוואָלט אַרויפלאָזן, האָב איך באַשלאָסן צו וואַרטן אונטן ביז איר וועט דאָ פאַרטיק ווערן מיט אייער שמועס.
— און וואו איז לאַראַן?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן שעלמיש:

— אַהיים געגאַנגען שטעלן זיך אונטער אַרעסט.
— המ... יאָ, דו האָסט אויך בעדאַרפט אַהיים גיין מיט אים.
— ווי עס ווייזט אויס, ביזטו ניט זייער גערן צו זען מיך, בירגער באַזאַן? מיר דוכט, מיר זענען אַמאָל געווען גוטע פריינט...
— אַמאָל... לײַדער האָבן אייניקע פריינט באַוויזן צו ווערן פאַלש...
— פאַלש? המ...

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע:

— דו האָסט זיך שטאַרק געענדערט פון זינט מיר האָבן זיך געזען. אַפאַר מאָל האָב איך דיך געזען פון דער בינע און די

ווערטער, וועלכע איך האָב דעמלט געזעדט, זענען געווען גע־ווענדט צו דיר. דו האָסט אָבער ניט געוואוסט און ניט פאַר־שטאַנען.

ער האָט ניט געוואָלט איבערפרעגן וואָס זי האָט דעמלט געזאָגט און וואָס זי האָט געמיינט.
האָט זי פאָרטגעזעצט:

— איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז פון דיר וועט אויסוואַקסן אַזאַ שטאַרקע פּאָליטישע פיגורע. דו ביזט אַ גרויסער מענטש, בירגער באַזאַן.
— דיינע ווערטער קלינגען אַ ביסל איראָניש.
— איראָניש ? ! אַ, ניין, איך מיין עס. אָבער עס וואונדערט מיך דיין אינפעריאָריטעט קאָמפּלעקס. קאָמיש... זען איראָניע אין מיין אויפריכטיקייט.
— אויב ניט איראָניע, איז שפּיל.
— שפּיל ? און מיר דוכט, אַז דיין איבערטריבענע ערנסט־קייט און שטרענגקייט איז שפּיל. און שפּילן ווייסטו קאָן איך בעסער פון דיר.
— איך צווייפל ניט, דו ביזט אַ גוטע אַקטריסע. איך האָב דיך געזען אין דער פּיעסע „באַרבאַרן". עס ווערט דאָרט אַ סאַך בלוט פאַרגאָסן.
— און אין דער שפּיל, אין דעם ספּעקטאַקל מיט וועלכן דו פירסט אָן ווערט נאָך מער בלוט פאַרגאָסן. עמעסע, הייסע, רויטע בלוט.
— יאָ, און די שפּיל איז אַן עמעסע, ניט אַן אויסגעטראַכטע.
— און דו האָסט דאָרט אַ פיינעם „שטערן" אין דער שפּיל.
— ראָוויל מיינסטו ! ?
— ניט שווער צו טרעפן. זיי פאַרזיכטיק, באַזאַן, מאַך נאָר ניט פון דער שפּיל אַ טראַגעדיע.
— מיר דוכט, אַז מיט דיין קומען אַהער האָסטו זי שוין פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמעדיע. ווי איך פאַרשטיי, האָט זיך דיר פאַרוואָלט צו ווערן אַ שטערן אין אַ גרויסן פּאָליטישן ספּעק־

די זון אין מיזראַך

טאַקע, ניט אַזוי?

— ניין, ניט אַזוי, בירגער באַזאַן. דיין פּאָליטישע שפּיל איז פּונקט אַזוי היפּאָקריטיש, ווי אַלע אַנדערע פּאָליטישע שפּילן. און דו דאַרפסט זיך ניט פילן באַליידיקט. אַלע גרויסע הערשער, ווען ס'איז געקומען צו פּאָליטישער שפּיל, זענען זיי אַלע געווען היפּאָקריטן. דיין פּאָליטישע שפּיל אינטערעסירט מיך ווייניק.

—דו בראַווירסט מיט אָפנהערציקייט.

— און דו בראַווירסט מיט פּרינציפּן.

— וואָס מיינסטו מיט פּרינציפּן?

— לאַראַן האָט מיר אין קורצן איבערגעגעבן וואָס ס'איז דא פאָרגעקומען צווישן אייך.

— דענקסטו, אַז איך בראַווויר מיט דעם?

— ווילסטו דען, אַז איך זאָל איצט אָנהייבן אַן אַטאַקע אַף דיינע פּרינציפּן?

— מיר דוכט, אַז צוליב דעם ביזטו געקומען אַהערצו. דו ביזט אַ קלוגע פרוי, נורא. אָדער דו ווייסט ווי צו שפּילן די ראָלע פון אַ קלוגער.

— מיר דוכט, דו מיינסט, אַז איך בין געקומען איינשטעלן זיך פאַר לאַראַנען?

— און עפּשער אויך פאַר זיין פריינט ראַווילן.

זי האָט אַ שליידער געטאָן איר הענטשקע אַפן טיש און אויפגע־הויבן זיך, געמאַכט אַפּאָר טריט צו דער טיר פון באַלקאָן און ניט אומקוקנדיק זיך געזאָגט:

— דו ביזט קורצזיכטיק, באַזאַן.

האָט ער אויך, ניט אומקוקנדיק זיך, געפרעגט:

— וואָס מיינסטו?

— דו זעסט ניט, אַז איך בין אַ פרוי... און איך וועל צוגעבן: אַ טעמפּעראַמענטפולע און ענערגישע פרוי, וועלכע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע מיטלען צו דערגרייכן איר ציל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר.

— ווי טרעפלעך דו האָסט זיך כאַראַקטעריזירט. אָבער...
וואָס איז דיין ציל איצט?
— דו.
— דו האָסט מיך, דוכט זיך, קיינמאָל ניט געוואָלט.
— איצט וויל איך.

לאַנגזאַם איז זי צוגעגאַנגען צו אים און אַרומגענומען זיין האַלדז:

— באַזאַן, איך האָב דיך ליב.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר ערנסט:

— אַט איצט ערשט זע איך ווי גוט דו קאָנסט שפּילן.
— באַזאַן... מיט דיין קאָנטראָלירן זיך, מיט דיין קאַלט־קייט צעשטערסטו עפּעס אין מיר. מיין ניט, אַז דאָס איז אַ זשעסט אַזאַ. ס'איז אימפּולסיוו. איך האָב דיך אַרומגענומען, ווייל עס האָט מיך געצויגן אַרומצונעמען דיך. מיך שרעקט ניט דיין פאָר־אורטייל, ווייל איך שעם זיך ניט מיט דעם וואָס איך בין און וואָס איך וויל.
— איך זע עס.

ער האָט לייכט, מיטביידע הענט אָראָפּגענומען אירע אָרמס פון זיין האַלדז:

— אַמאָל האָב איך געטרוימט צו פילן דיינע הענט אַרום מיין האַלדז, ווי דו האָסט עס איצט געטאָן. עס זענען אָבער אַוועק אַזויפיל יאָרן... און, מיר דוכט, דו האָסט זיך צו שפּעט דערמאָנט.
— און וואָרום ביזטו געווען אַזוי פּאַסיוו? וואָרום האָסטו עס ניט געטאָן?
— וואָרום? עפּשער איז עס געווען מיין שולד. אָדער

ריכטיקער — עס איז ניט געווען אין מיין כאַראַקטער. עס פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז ס'איז אונטער דער ווירדע צו דעמאָנסטרירן ליבע מיט דער מאַלפּעשער צערעמאָניאַלקייט. איך האָב צופיל רעספּעקטירט די פרוי, און דיך, איבערהויפּט. כוץ דעם האָסטו מיר קיינמאָל קיין געלעגנהייט ניט געגעבן, און קיינמאָל ניט דערמוטיקט —

זי האָט ווידער פאַרוואָרפן אירע הענט ארום זיין האַלדז, צוגעדריקט זיך פעסט צו זיין קערפּער און אַ קוש געטאָן אים אין די ליפּן.

ער האָט ווידער אַראָפּגענומען אירע אָרמס פון זיין האַלדז און צוריקגעגאַנגען צום שטול; געזעסן אַ ווײַלע שווייגנדיק, און ניט קוקנדיק אף איר, געזאָגט:

— איך פּרובּיר צו פאַרשטיין דיך, נורא, און איך קאָן ניט. ניט ווילנדיק ברענגט עס צוריק צו מיין זיקאָרן יענע טעג, ווען איך בין נאָך געווען יונגער און האָב זיך נאָך געקאָנט לאָזן פאַנגען פון אַמורן. איך געדענק, איך האָב דיר אפילו איינמאָל די האַנט געקושט. ס'האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. לאַראַן האָט געהאַט אף דיר פונקט אַזוי פיל רעכט ווי איך. און דו האָסט געהאַט נאָך מער רעכט ווי מיר ביידע. אָפט טראַכט איך, אַז איך דאַרף זיין דאַנקבאַר, דעם שיקזאַל זאָל איך זאָגן?... דאַנקבאַר, וואָס ער האָט מיך דערפירט אַהערצו. דו וואָלסט מיך פאַרפירט אף אַנדערע וועגן און דו האָסט עס ניט געטאָן, גוט אַזוי.

— איך וועל עס נאָך טאָן.

— דו דענקסט אַזוי?

— זיכער.

— צוליב וואָס?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט. איך האָב דיך ליב און איך וויל דיך.

— עס איז דיר פּלוצים איינגעפאַלן, אַז דו האָסט מיך ליב און . . .

מ. גיציס

זי האָט פאַרענדיקט אין א איראַנישן טאָן:

— און, אז ס'האָט זיך נאָר געמאַכט די געלעגנהייט בין איך געקומען.

— קיין אנדערע געלעגנהייטן האסטו ניט געהאַט, כוץ דער היינטיקער?

— יאָ, עס זענען געווען א סאַך געלעגנהייטן. און אויב זיי וואָלטן ניט געווען, וואָלט איך זיי באַשאַפן. בין איך אָבער שטאָלץ, באַזאָן. אָט אין דער אָפּנהערציקייט און דרייסטקייט מיינער ליגט מיין שטאָלץ. ווייל ס'איז פאַראַן מער קראַפט, מער כאַראַקטער און מער שטאָלץ אין יענער פרוי, וואָס האַנדלט מוטיק, ווען די געפילן און באַגערן דיקטירן איר, ווי אין דער פרוי, וואָס וואַרט דער מאַן זאָל זי באַעהרן מיט זיין אויפ־מערקזאַמקייט. דו ביזט ניט געקומען צו מיר, בין איך געקומען צו דיר. עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס די געלעגנהייט איז גראָדע פאַרבונדן מיט פאָליטישע אָנגעלעגנהייטן און אפילע אורזאַכן.

— א־א!

זי האָט א שמייכל געטאָן און מער גאָרניט געזאָגט. אנידערגעזעצט זיך אָפּן עק פון טיש. באַמערקט א שאַכטל מיט סיגאַרעטן, האָט זי פאַררויכערט. האָט ער זיך אויך אנידערגעזעצט און פאַררויכערט.

געקוקט אף איר און געטראַכט: אָט זיצט דאָ לעבן אים נוראַ, וועלכע ער האָט אַמאָל אַזוי געוואָלט — און עס רירט אים ניט. ווארים, וואָס פאַר א ווערט האָט אָט די קליינע שפיל אין פאַרגלייך מיט דער קאָלאָסאַלער סאָציאַלער שפיל, וואָס ער פירט אָן? א פונק בא א שפייענדיקן וואולקאַן. און דאָך... קאָן אָט א דער פונק ווירקן אַמאָל אף דער קאָלאָסאַלער שפיל. די גע־שיכטע האָט עס שוין ניט איינמאָל געזען. א שנאָל פון דעם טייוול — און פון דעם גיגאַנט ווערט פלוצים א קאַרליק; א שנאָל — און פון דעם קאַרליק ווערט א גיגאַנט. אָט איז זי געקומען שפילן די שפיל און ער גלויבט איר ניט.

די זון אין מיזראַך

געזאָגט האָט ער:

— דו האָסט דאָך שוין צוגעגעבן, אַז דיין קומען אַהערצו איז פאַרבונדן מיט פּאָליטישע מאָטיוון, מעגסטו דאָך רעדן אָפן־הערציק. זאָג, וואָס ווילסטו?

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אירע פאַרזשמורעטע אויגן און אַ קלוגער כוואַליע שמייכלעלע האָט געשפּילט אויף אירע ליפּן:

— דו האָסט ניט געלאָזט פאַרענדיקן. דיין אַ־אַ! האָט געזאָלט מיינען, אַז דו ווייסט שוין אַלעס.
— זעלבסטפאַרשטענדלעך. אַז דו ביזט געקומען מיט לאַראַנען, האָב איך שוין פאַרשטאַנען וואוהין דער ווינט בלאָזט.

זי איז אויפגעשפּרונגען און אין אירע אויגן האָבן אַ שווער געטאָן פייערלעך:

— מיינסט, מ׳מוז קומען צו דיר בעטן דיך, ווי מ׳בעט אַ הערשער? מיינסט, אַז מ׳האָט דיך טאַקע נאָר צוליב דעם געזאָלבט, אַז דו זאָלסט זיצן דאָ און פאַרטיילן גערעכטיקייט? איך האָס דיין שטול דאָ, און דיין גרויזאַמקייט, און דיין גערעכטיקייט... איך בין ניט ווי לאַראַן און ניט ווי ראַוויל און דער גאַנצער פאַרדאַמטער שטרייט אייערער איז פאַר מיר ניט מער, ווי נאָך אַן עפּיזאָד אין אייער אַנענדלעכן קאַמף. איך בין די הויפּט זאַך און דו. איך בין ניט געקומען בוקן זיך צום שטול, איך בין געקומען צו דיר.

— ווען ניט דער שטול, וואָלסטו ניט געקומען, איך נאָר זיך ניט, נוראַ. איך ווייס.

— איך בין געקומען, ווייל איך האָב ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז עס זאָל נאָך מער פאַרטיפט ווערן דער אָבגרונט, וואָס האָט זיך לעצטנס געעפנט צווישן דיר און לאַראַנען. דאָס וואָלט מיך נאָך מער דערווייטערט פון דיר — און דאָס האָב איך ניט געוואָלט.

זי איז צוגעגאַנגען צום דיוואַן און אַנידערגעזעצט זיך אַן ערנסטע און שטרענגע.

באַזאַן האָט געקוקט אַף איר: אָט זיצט זי דאָרט אַף דעם דיוואַן, נורא. נאָך אַלץ אַזאַ רייצנדע און שיינע ווי אַמאָל...
נעכטן אין אָוונט איז דאָ אַנאַדערע פרוי געווען. אונאַ. און זי איז געלעגן אין זיין בעט. אַ ווייס ליַיב פון אַ פרוי, וואָס האָט זיך עפשער געצאַפּלט פונקט ווי ער, און געוואַרט... אַף וואָס האָט ער געוואַרט, ווען דאָס אינטימע איז געווען אַזוי נאָענט? ער האָט ניט געוואָגט. באַזאַן האָט ניט געוואָגט. און איצט זיצט דאָ אַ פרוי וואָס איז געקומען צו אים מיט אַזאַ אָפענער דרייסטקייט, וואָס דערהויבט צו דער העכסטער מאָראַלישקייט איר באַגער אָפצוגעבן זיך און ליבן. עפשער שפּילט זי ניט איצט? עפשער האָט אין איר ווירקלעך דערוואַכט דער באַגער... וועט באַזאַן ווידער ניט וואָגן?

ער האָט געזאָגט שטיל, ניט קוקנדיק אַף איר:

— דיין אָפנהערציקייט איז צו באַוואונדערן. מיר דוכט, אַז אָט די דרייסטקייט דיינע איז דער רעזולטאַט פון דעם צו אָפטן קאָנטאַקט מיט מענטשן. אָבער, כאָטש אַ קלוגע, ביזטו אָבער איצט אימפולסיוו און ניט גענוג פּראַקטיש. דו האָסט באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז איך בין ניט דער טיפ, וואָס וועט זיך אַריינלאָזן אין אַזאַ מין ליבעס אַוואַנטיורע.
— המ... — זאָל זיין אַוואַנטיורע. די ליבע איז זעלטן אינטערעסאַנט, אויב זי האָט ניט אין זיך דאָס אַוואַנטיוריסטישע.
— אַלס אַרטיסטישע נאַטור, ווייסטו עס זיכער בעסער פון מיר.
— אָן צווייפל. און וועגן מיין אומפּראַקטישקייט... באַזאַן, מיר דוכט, אַז ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס דו ביזט, אָדער דו פּרעטענדירסט צו זיין אומצודרינגלעך, בין איך אָבער זיכער, אַז ס׳וועט זיין זייער לייכט צו באַזיגן דיך.
— אָט אין אָט דער אָפנהערציקייט און אין אָט דעם בראַווירן

מיט דירעקטער אַטאַקע אויף יענעמס שוואַכקייטן, ליגט דיין אומ־פּראַקטישקייט. דענקסטו ניט, אַז דיינע באַמערקונגען וועלן מיך צווינגען צו ווערן פאַרזיכטיקער און צו פאַרשטאַרקן מיינע פּאָזיציעס?

— כאַ־כאַ, וואָס מער און שטאַרקער דו וועסט זיך פאַר־באַריקאַדן, אַלץ זיכערער וועל איך זיין, אַז דו האָסט מוירע פאַר מיר. און דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן די מוירע איז די קאַפּי־טולאַציע אומפאַרמיידלעך.

ער האָט זיך צעלאַכט:

— מיר דוכט, אַז אין אַזעלכע דעבאַטעס בין איך זייער שוואַך. קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו פּראַקטיצירן און פאַרפאָלקאָמען זיך. מיר דוכט אָבער אויך, אַז דו האָסט אַרויס־געלאָזט איין זייער וויכטיקן פאַקטאָר?

— וואָס פאַר אַ פאַקטאָר?

— דו האָסט פאַרגעסן, אַז כאָטש איך מיט לאַראַנען זענען לעצטנס אַביסל צעריסן, זענען מיר דאָך אַלטע פריינט.

— דו פּרעטענדירסט צו זיין קליינבירגערלעך אין דיינע אָנ־שויאונגען. איך ווייס אָבער, אַז דו פּרעטענדירסט נאָר. דאָס איז אַ מין קאָמפּלאַזש הינטער וועלכן דו פּרובירסט צו באַהאַלטן זיך, כאָטש ס׳איז זייער קאָמיש. ווען אַ מאַן און אַזאַ פאַרגע־שריטענער מאַן ווי דו, זאָגט אַזעלכע זאַכן, איז ער זייער ענלעך צו אַ שטרויס, אויף וועלכן מ׳זאָגט, אַז אין געפאַר בעהאַלט ער זיין קאָפּ אין זאַמד, מיינענדיק, אַז מ׳זעט אים ניט.

— איך פּרעטענדיר ניט, נורא. דו דאַרפסט עס וויסן. טיף אין האַרצן בין איך עפּשער אַ קליינבירגער. אַ קליינבירגער אין דעם זינען, וואָס עס ליגט אין מיר ערגעץ דער באַגער אויסצו־לעבן זיך איצט אין אַ מין רואיקן פּאַסטאַראַלן לעבן. איינטיילן דאָס לעבן אויף אַרבעט, רו און געמיטלעכקייט. דאָס אַלעס. אונדזער.... פאַרבינדונג וואָלט אונדז ניט באַפרידיקט. ניט מיך, ניט דיך. איך בין ניט קיין מאַראַליסט און האַלט ניט, אַפילו פון דער שטרענג מאָנאָגאַמיסטישער סיסטעמע, ווי אומגלויבלעך

דאָס זאָל פאַר דיר ניט קלינגען; ווייל אין אונדזער קאָמונאַלער סיסטעמע קאָן די היראַטס און געשלעכסטס פּראָבלעמע געלייזט ווערן אין דער ברייטסטער פאָרמע. איך קאָן גאַנץ פיין באַנעמען דיינע אידייען, אָבער איך פערזענלעך בין ניט צוגעפּאַסט צו דעם. ס'איז ניט אין מיין כאַראַקטער. איך שטרייך אונטער דאָס וואָרט כאַראַקטער.

— ס'א ליגן. דו וואָלסט קיינמאָל ניט דערגרייכט צו דער פּאָזיציע וואָס דו פאַרנעמסט, ווען דו האָסט ניט אין זיך דאָס אוואַנטוריסטישע. יעדער רעוואָלוציאָנער האט עס. איבערהויפּט דו, דער אמאָליקער טעראָריסט.

— דו ווילסט פאַרבינדן רעוואָלוציאָנערן גייסט, רופנדיק עס אוואַנטיורע — מיט ליבעס אוואַנטיורע.

— דו האָסט זיך גראָדע אויסגעצייכנט אף דעם ערשטן, דער גייסט אָבער איז א פילפאַרביקער, ער שלאָגט פון דעם זעלבן פאָנטאַן.

— איך גאַראַנטיר ניט, אז אין געוויסע מאָמענטן קאָן דאָס אימפּולסיוו עראָטישע באַהערשן מיך און פאַרטראָגן אפילע צו אוואַנטיורעס, עס מוזן אָבער דערביי זיין אויך טיפערע אורזאַכן אָדער געפילן.

— זיכער... דאָס עראָטישע, אוואַנטיוריסטישע אין דיר איז אָבער פאַרטריבן געוואָרן פון אָט דעם רעוואָלוציאָנערן און סאָציאָלן טאַראַראַם — ס'איז אָבער אין דיר. איך זע עס —

— א, דו זעסט עס.

— יא, די דינסטע ניואַנסן פירן אונדז אָפּט צו די טיפסטע פאַרבאָרגנסטע היילן.

— וואָס דאַרף איך זאָגן אין דעם פאַל? וואַרטן אף דיין עקספּעדיציע צו מיינע טיפסטע פאַרבאָרגנסטע היילן?

— יא, און איך וואָרן דיך. איך האָב ליב אריינצודרינגען טיף. איך האָב אין אַלגעמיין, ליב צו דערגיין צום סאַמע פאַר־באָרגענעם.

— גוט, די איניציאַטיווע איז דיינע און דער ריסק איז אויך דיינער. יעדנפאַלס, מיר וועלן זיך נאָך מיסטאָמע זען.

— מיר וועלן זיך נאָך זיכער זען.

די זון אין מיזראַך

ער האָט אַקוק געטאָן אויף זיינער.
האָט זי אַפרעג געטאָן:

— דו ביזט פאַרנומען?

— דו וועסט מיר ענטשולדיקן, איך האָב נאָך היינט אַרבעט צו טאָן.

— דיין אומצערעמאָניאַלקייט געפעלט מיר. ס'איז דער סינאָנים פון נאַטירלעכקייט און אַמאָל פון פריינטשאַפט, נוט אַזוי. עס געפעלט מיר.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, אַראָפגעלאָזט דעם וואָאַל איבער די אויגן און גענומען אַרויפציען די הענטשקעס. געבליבן שטיין, ווי וואַרטנדיק אויף עפּעס. האָט ער זיך אויך אויפגעהויבן און אויסגעשטרעקט צו איר די האַנט. זי האָט אים לאַנגזאַם געגעבן אירע:

— דאַרף איך זאָגן לאַראַנען, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין דערפאַלג באַם דיקטאַטאָר און ער מוז בלייבן אַרעסטירט?

— ווי דו ווילסט.

— כאַ, כאַ!

שטייענדיק שוין באַ דער טיר האָט זי געטראַכט, אַז אין דעם אָוונט האָט זי אים ליב באַקומען. זיין קאַלטע רעזערווירטקייט האָט אימפּאָנירט און גערייצט. כאָטש זי האָט געוואוסט: ווי גרויס דער מענטש זאָל ניט זיין, וועט ער דאָך אין דער אַנוועזנהייט פון אַ פרוי פּאַשעטער, אינטימער און שוואַכער. זיין שפּיל אין לעבן האָט אים פאַרהאַרטעוועט, וועט איר שפּיל זיין אַביסל שווערער. זי האָט שוין אָבער געקושט זיינע ליפּן, זי האָט זיך שוין פּעסט גדריקט צו זיין לייב און אויף אַ מאָמענט בלויז דער־הערט דעם ענטפער פון זיין בלוט.
געזאָגט האָט זי:

— איך וועל נאָך צוריקקומען.

און ער האָט געענטפערט :

— איך וועל זען זאָלסט ניט האָבן קיין שוועריקייטן, זאָלסט זאָגן : נורא.
— כא, כא, כא ! א גוטע נאַכט.
— א גוטע נאַכט.

זי איז אוועקגעגאַנגען.
עס האָט אים איצט האַנאַע געטאָן, וואָס זי איז געווען בא אים, און ס'האָט אים האַנאַע געטאָן, וואָס זי איז נאָך אַזוי שיין און רייצנד. זי איז געווען און איז אוועק געגאַנגען. זי וועט נאָך צוריקקומען, האָט זי געזאָגט. זי וועט אים נאָך גראַבלען ביז בלוט מיט איר סאַרקאַזם, און זי וועט אים נאָך וואַרעמען מיט איר קערפּער צודרינגלעך, ליידענשאַפטלעך, ווי היינט.

ער האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער מיט עפּעס א באַזונדערן געפיל פון קראַפט, פון מוט, פון יוגנטלעכקייט.
א, יאָ... דערמאָנט זיך אָן עפּעס.
צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען עפּעס זוכן צווישן די פּאַפּירן און אין די טישקעסטלעך. זיין פּנים איז מיטאַמאָל געוואָרן פאַר־טונקלט און בייז. דער דאָקומענט וועלכן ער האָט געזוכט האָט געפעלט.
ער האָט אויפגעהויבן דאָס טרייבל פון טעלעפאָן :

— האַללאָ. געפינט אוים צו ספּאַק איז שוין געקומען. יאָ ? שיקט אים אַרויף.

ער האָט ווידער גענומען זוכן צווישן די פּאַפּירן.
ספּאַק איז אַריינגעקומען, א קוק געטאָן פון אונטער די ברעמען אויף באַזאַנען.
באַזאַן האָט מיט קאָנטראָלירטער רואיקייט א פרעג געטאָן :

— האָט איר ניט געזען דא דעם מעמאָראַנדום וואָס איך

די זון אין מיזראַך

האָב אַנגעצייכנט?

ספּאַק האָט אויך מיט געמאַכטער רואיקייט גענומען זוכן אין קעשענע:

— איך האָב אים דורך אַ טאָעס אַריינגעלעגט צו זיך אין פּאַרטפעל.

באַזאַן האָט אים דורכגענומען מיט זיין בליק:

— דורך אַ טאָעס?

— ערשט קומענדיק צוריק האָב איך ענדעקט, אַז דער מעמאָראַנדום איז באַ מיר.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר און באַזאַן האָט עס בייז אַכאַפּ געטאָן פון זיינע הענט.

— דורך אַ טאָעס...

— ערשט קומענדיק צוריק, האָב איך באַמערקט, אַז דער מעמאָראַנדום איז באַ מיר.

— איר ווידערהאָלט עס מיט אַזאַ פּינקלעכקייט און עמפּאַטישקייט.

— ס'איז מיין רעכט.

— אַזוי זיכער זענט איר מיט זיך?

— די שפּיל איז פאַרן טייוול. איר גלויבט מיר סיי ווי ניט.

— איך מוז צוגעבן, ספּאַק, איר זענט ניט קיין שלעכטער פּסיכאָלאָג. אָפט איז כוצפּע, וואָס מ'נעמט אַ פּאָר מוט, דער בעסטער פּאַנצער הינטער וועלכן עס באַהאַלט זיך דער שרעק און אויך... פּאַרראַט.

— בירגער באַזאַן, דאָס זענען שוין אַביסל צו שטאַרקע אויסדריקן. און איך וועל אייך אויך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איר נוצט אויס אייער פּאָזיציע און מאַכט שוין מיט צו שטאַרקער

עמפּאַטישקייט און דירעקטקייט. איך בין נאָך אַלץ אַ מיטגליד פֿון צענטראַט און איך פֿאָדער פֿון אייך די געהעריקע באַציאונג. אויב איך בין אייך איבער געוויסע אורזאַכן אַנטיפּאַטיש און איר קאָנט ניט ברעכן דעם אומצוטרוי צו מיר, זענט איר דאָך פּריווילעגירט אײַנגאַנצן צו באַזייטיקן מיך.

— יאָ, איך בין פּריווילעגירט, און מיט דער פּריווילעגיע וועל איך זיך באַנוצן. מיר וועלן מוזן מאַכן אַן ענדע צו דעם. איך וויים, אַז דעם דאָקומענט האָט איר מיטגענומען ניט דורך אַ טאָעס, נאָר צו שטודירן צעזאַמען מיט נאַרדין די אַלע פּונקטן און באַמערקונגען, וועלכע איך האָב אין אים אַנגעוואָרפֿן. איך וועל מאָרגן בעטן דעם צענטראַט צו באַפֿרייען אייך פֿון דידאַזיקע פֿליכטן און באַשטימען אויף אייער פּלאַץ אַנאַנדערן. און אויב איך גיב צו, אַז מיין אַנטיפּאַטיע און אומצוטרוי צו אייך איז דיקטירט פֿון פּערזענלעכע געפֿילן, איז אָבער דער צוועק פֿון באַזייטיקן אייך ניט קיין פּערזענלעכער.

ספּאַק האָט געהערט אַ בלייכער. אַרויסגענומען פֿון פּאָרטפֿעל פּאַפּירן און אַנידערגעלעגט זיי אויפֿן טיש פֿאַר באַזאַנען. געבליבן שטיין אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. געפּרוּווט אַ שמייכל טאָן. גענומען דעם פּאָרטפֿעל און געלאָזט זיך גיין צו דער טיר. בײַ דער טיר געבליבן שטיין. געזאָגט סאַרדאָניש:

— אַ גוטע נאַכט.

באַזאַן האָט געענטפֿערט קאַלט:

— אַ גוטע נאַכט.

די זון אין מיזרח

III

נורא.

בּאַזאַן זעט זי אָפּט. און אָפּט שטעלט זי אים אין פאַרלעגנהייט.
זי קומט אַלעמאָל אומגעריכט און רייסט זיך אַריין אין זיינע טעג און נעכט ווי אַ מעטעאָר.

ער ווייסט זי שפּילט מיט זיין נעשאָמע. איר רייצנדיקע קערפּער, איר שטילער בּרוסטיקער געלעכטער, איר מאַניערע אַ שפּיל צו טאָן מיט אים אויף אַ רעגע, אָבּער נאָר אויף אַ רעגע... אַ פיר טאָן איבּער זיינע האָר, פּלוצים... ווי אַ בּליץ, און אויס... דאָס רייצט אים, דאָס מאַכט אים בּייז, און ער גלוסט איר מער. און ער וויל גלויבּן, אַז דאָס איז ניט אַ שפּיל אַזאַ, נאָר אַז אַזוי איז זי, אַזוי איז איר נאַטור. אַניטערפּאַרענער אין דער שפּיל, שטייט ער אָפּט אַ פאַרלאָרענער: אַט שלענגלט זיך אויף אירע ליפּן די קאַלטע איראָניע פון אַ דערפאַרענער פרוי — האָט ער מוירע פאַר איר; אַט טוט עפּעס אַ שיין אין אירע אויגן, און עס ציט אים צו איר אַ דערפרייטן; אַט האָבּן זיך אירע ליפּן אַזוי קינדיש פאַר־שנורעוועט אין אַ רויטן קנאָספּ און עס ווייזט זיך, זיי בּעטן בּרויגעזע אַ קוש; און אַט ווערט זי ווידער פאַרוואַנדלט אין אַן עקזאָטישער בּלום צו וועלכער עס איז געפערלעך צוצורירן זיך, ווייל עס איז אין איר פאַראַן אַ בּאַהאַלטענער סאַם, אַ סאַם, וואָס פאַרשיקערט ווי אָפּיום. פאַר איר שוויגן האָט ער מוירע. און ווען זי רעדט זענען אירע פראַזן טרעפלעך און צום פּונקט. ער פילט אָבּער ניט אין זיי דעם מילדן וואַרעמען אויסגוס פון אונאַן.

אונאַ וואַרמט. אונאַס רעדן און איר שמייכל איז פאַר אים ווי דאָס פליסן און דער מורמל פון אַ וואַרעמען קוואַל. נורא וואַרמט ניט, זי בּריט. אַ בּרי געטאָן און אַוועק; און ווידער צוריק אַ בּרי צו טאָן, און ווידער אַוועק. אַזוי אָן אויפהער — אַ שפּיל פון פלאַם.

דאָס באַהאַלטענע אינטימע פייער, וואָס זי האָבן ביידע אין אַ שטילער נאַכט דאָ אין צימער בײַ אים פֿונאַנדערגעבלאָזן, דאָס פייער ברענט נאָך אַלץ. עס קומט, ווי אַ סאַמום אין שטילע נעכט. ער געדענקט גוט די נאַכט, ווען זי האָט אים געבריט מיט אָטעם:
... אַ זון, באַזאָן... אַ זון...

איצט, ווען זי קומט צו אים, שמייכלט זי געהיימניספול. שטרעקט זיך אויס בײַ אים אָפן בעט ווי אַ שוואַרצע, שלאַנקע סאַמעטענע כאַיע... און דרעמלט ווייזט זיך אים אויס, אַז אירע אויגן זענען גרינע. ליגט און קוקט אַף אים געהיימניספול. פֿון דער טיפֿער דעקאָלטע אין איר שוואַרצן קלייד זעען זיך די ראַנדן פֿון אירע ווייסע בריסטן. פֿון אירע בריסטן פֿירט ער אימער איבער זיינע בליקן צו איר בויך.

איינמאָל האָט זי געזאָגט:

— ער וואַקסט, באַזאָן... איך פֿיל, ווי ער וואַקסט אין מיר.

און זי האָט געהיימניספול געשמייכלט.

ער וואָלט געזאָגט צו זיך: איך בין גליקלעך. איז עס אָבער אַזוי באַנאַל, און ער האָט אַזוי פֿיינט דאָס וואָרט גליקלעך. עס וואָלט זיך אים געוואָלט אויסדריקן דאָס געפֿיל אַנדערש: שטאַרקער, שניידענדיקער און טיפֿער. זאָגט ער נאָר צו זיך אין געדאַנק: איך וועל זיין אַ פֿאָטער פֿון אַ זון. ער האָט געוואָלט ס'זאָל זיין אַ זון.

ער וואָלט געוואָלט עמיצן דערציילן וועגן דעם. עס איז ניטאָ געניג, וואָס נורא און ער אַליין ווייסן. נורא און ער — דאָס איז איצט איינס. נאָך עמיצער דאַרף וויסן וועגן דעם; ווייל אויב קיינער וועט ניט וויסן, וועט עפּעס פֿעלן, וועט עס בלייבן אַ סאָד. עס וועט ליגן אין אים, און עס וועט מוטשען אַנטפּלעקט צו ווערן.

די זון אין מיזראַד

ווילט זיך אים דערציילן עמיצן דעם סאָד. וועמען, כוץ אונאַן?

אונאַן דאַרף ער דערציילן. זי קומט אויך אַפּט. זי קוקט אָבער אַף אים מיט טרויעריקע אויגן און דאָס האָט ער פֿיינט. פֿאַר־וואָס דאַרף זי קוקן אַף אים אַזוי?
ס'איז אַזוי שווער צו לייענען זייערע געדאַנקען — פֿרויעשע געדאַנקען.

ער דערמאָנט זיך אַפּט: אין יענעם אינדערפֿרי, נאָך דער נאַכט וואָס אונאַ האָט בא אים געגעכטיקט, האָט זי צוגעלעגט איר באַק צו זיינער און פֿאַרמאַכט די אויגן. און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי נאָר אַ קוק געטאָן אַף אים שמייכלענדיק; אַ קוק געטאָן אַף אים, ווי מ'קוקט אַף אַ זייער יונגן, ליבן, נאַאיוון אינגל. אַ שמייכל געטאָן און גאָרניט געזאָגט. ער וויל ניט טרעפֿן וואָס דער שמייכל האָט באַדייט. בעסער ניט טראַכטן.

. . . .
. . . .

מ. גיציס

IV

ארום ראווילן שיינט איצט דער ארעאל פון א פריוואטשן קעמפער.
דער זעלבער ארעאל האט אמאל געשיינט ארום אים, ארום באזאנען.
דאס פאלק האט ליב מארטירער.

באזאן האט געפילט די אינערלעכע עכטקייט און ערנסטקייט פון
דער שטילער רעוואלוציע. עס האט אנגערירט די טיפסטע טיפקייטן
פון זיין רעוואלוציאנערישן וועזן. ער איז געשטאנען פאר דעם
געריכט, וואו דער שטרענגסטער ריכטער איז געווען ער אליין —
באזאן. ער האט באשלאסן: די געשאפענע לאגע איז ערנסט.
מוז ער מאכן א סאף צו איר. און צוליב דעם האט ער פארופן
א ספעציעלע זיצונג פון צענטראט.

. . . .
. . . .

אין גרויסן זאל איז געווען האלב טונקל, נאר די פלאטפארמע,
אף וועלכער עס איז געשטאנען א לאנגער טיש, איבערגעדעקט
מיט א רויטן געוואנט, איז געווען באלויכטן.

ארום דעם טיש זענען געזעסן:
אינדערמיט — קוו, דער פארזיצער פון קאמיטעט. רעכטס פון
קונען — בענקע און ספאק. לינקס איז געשטאנען דער שטול
וואו באזאן האט באדארפט זיצן, און דערנעבן איז געזעסן די
איינציקע פרוי אין צענטראט — ראזא לאטי. לעבן איר — מאר־
גאש, און אבא. בא די זייטן פון טיש — נארדי און בונזע, וואס
איז באשטימט געווארן אלס סעקרעטאר אף ספאקס פלאץ.

די זון אין מיזרעך

ראָזאַ לאַטי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט מיט הומאָרפולער לייכטקייט און אָפנהערציקייט געקאָנט רעדן וועגן אַלעמען און וועגן אַלץ, וואָס פלעגט אָפט ליגן ווי שטיינער אויפן האַרצן בײַ אַנדערע.

אויך איצט, זיצנדיק בײַם טיש און, שרײַבנדיק עפּעס, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז דאָ שטיל בײַם טיש... ווי פאַר אַ שטורם.

נאַרדי האָט אַקוק געטאָן אויף איר מיט אַ כּוויזעק שמייכל, און בײַסנדיק די נעגל, געזאָגט:

— אויב דער שטורם איז בײַזאַן, וועט ער באַלד קומען.

זי האָט אַ וואונק געטאָן מיטן אויג:

— ס'איז סימפּטאָמאַטיש....

קון האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטער זײַנע גרויסע, גרויע ברעמען און האָט אַ ברום געטאָן:

— איר טאַפּט אימער דעם פּולס, ראָזאַ לאַטי, מ'וואָלט גע־קאָנט מיינען, אַז איר זענט אַ דאָקטאָר און מיר זענען די קראַנקע.

זי האָט האַלב ערנסט אָפּגעענטפערט:

— קיין דאָקטאָר בין איך ניט, אָבער אַז עפּעס איז דער מער מיט אײַך, דאָס זע איך. דערפילט איר אַז ערנסט לופטל, נעמט עס אײַך דורך ביז די ביינער. איבערהויפּט זעט ספּאַק אויס צו זײַן זייער רעוומאַטיש.

ספּאַק האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן:

— אז איר האט שוין געשטעלט דעם דיאגנאז, וועט איר אונדז שוין עפשער אויפקלערן וואס איר מיינט מיט אייער אויס־דרוק: ערנסטע לופט?

— ערנסטע לופט קאן הייסן א ספעציעלע, קימאט סעקרעטע באראטונג צו וועלכער מיר זענען היינט גערופן געווארן. די ערנסטקייט פון דעם דערוואַרטעטן קאן מען, דוכט זיך, דערקאנען אין דעם סימפטאמאטישן שווייגן. זאל דאס שווייגן בעדייטן, אז מיר זענען פארזיכטיק ניט צו ענטפלעקן אונדזערע געדאנקען? אדער עפשער האבן מיר מורא צו זיין די פארלויפער פון די מעגלעכע עקזעקוציעס, וואס שטייען אונדז פאר אין די קומענדע פאר שטונדן?

קון האט זיך אנגעשפארט אז ווענטל פון שטול און, אויס־שנייצנדיק הויך די נאז, געזאגט:

— מיר דוכט, אז איר פארלויפט שוין אביסל צו ווייט, ראזא לאטי. ערשטנס, האבן מיר קיינע גרונטן צו פארדעכטיקן, אז היינטיקע זיצונג וועט זיין וויכטיקער ווי אלע אנדערע זיצונגען, וואס מיר האבן ביז איצט געהאט. צווייטנס איז אייער באשולדיקן אונדז אין עפעס א מין פארזיכטיקייט און מורא צו אנטפלעקן זיך, שוין אביסל צו געוואגט, איך וועל שוין ניט זאגן... נאריש און פראפאניש. איך, פערזענלעך, ווייס ניט אין וואס די ספעציפישע ערנסטקייט באשטייט. עפשער ווייסט איר יא, טא זייט אזוי גוט און גיט אונדז אייער דערקלערונג. צום סאף, וויל איך אייך זאגן, לאטי: אזעלכע באמערקונגען ווי אייערע מאכן א שלעכטן איינ־דריק, זענען ניט טאקטיש און שעדלעך, אפילע.

ראזא לאטי האט געקוקט אף אירע נעגל און געשמייכלט:

איך נעמט מיינע באמערקונגען צו ערנסט און אייער ערנסטקייט איז קאמיש. און פאר אייער לאנגער רעדע ביז איך אייך דאנקבאר, ווייל זי האט ענדלעך געבראכן די שטילשווייגעניש, וואס האט מיך נערווירט. און איצט, אז מיר האבן זיך שוין אזוי גוטמוטיק

דורכגעשמועסט, וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס דענקט איר איז דער צוועק פון היינטיקער זיצונג ?

מאַרגאָש, וועלכער האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט און געהאַט האַנאָע פון דעם ווערטער געפּעכט, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיינע עלנבויגנס און געזאָגט :

— ס׳וועט ניט נעמען לאַנג, וועלן מיר אַלע געוואויר ווערן. איך האָף, אַז דאָס מאָל וועלן קיין קאַרבאַנעס ניט פאַלן.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען באַזאַן. אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און, ניט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, פאַרנומען זיין פּלאַץ. זיצנדיק שוין, האָט ער אַ קוק געטאָן רעכטס און לינקס און האָט אַ זאָג געטאָן :

— גוט.

צוגעבויגן זיך צו קונען און געזאָגט אים עפּעס שטילערהייט. גע־נומען דורכקוקן די פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן לעבן אים אויפן טיש, און, ניט אויפהייבנדיק די אויגן, גערעדט שטיל, ווי וועלנדיק אונטערשטרייכן מיטן טאָן די אומאָפיציעלקייט פון דעם געזאָגטן :

— ... דאָס, וואָס מיר וועלן היינט דאָ פאַרהאַנדלען איז אין אַ געוויסן זין ניט נאָר אַ רעגירונגס אַנגעלעגנהייט, נאָר אויך אַ ספּעציפיש אידעאָלאָגישע פּראָבלעמע, וועלכע מיר וואָלטן דאָ היינט באַדאַרפט לייזן. איינס, פאַרשטייט זיך, איז פאַרבונדן מיטן צווייטן. מיר וועלן היינט פּרובירן אָראָפּוואַרפן פון זיך דאָס עקזעקוטיווישע, דאָס וואָס האַלט אונדז אין די ראַמען פון געוויסע קאַדעקסן און פירט אונדז אויף געוויסע לעגאַליזירטע ליניעס. מיר וועלן פּרובירן היינט פאַרגעסן, אַז מיר זענען שטאַטסלייט און מיר וועלן ווידער ווערן... רעוואָלוציאָנערן, ווי אין די גוטע, אַלטע צייטן.

דא און דארט א שטילער געלעכטער.

— עס האנדלט זיך וועגן ראווילן. איך האב גענומען אף זיך די פאראנטווארטלעכקייט און האב אים היינט באפרייט.

די מיטגלידער פון צענטראט האבן זיך איבערגעקוקט פארוואונדערטע. קון האט געמאכט א באוועגונג פון פראטעסט און אומצופרידנהייט, און בענקע איז אויפגעשפרונגען :

— באפרייט אים ? !

באזאן האט רואיק ווידערהאלט :

— יא, באפרייט. די דריי מאנאטן, וואס ער איז געזעסן אין דער טפיסע האבן די לאגע ניט געענדערט. זיי האבן זי נאר פארשארפט. איך האב אים גערופן צו היינטיקער זיצונג. ער האט זיך, ווי איר זעט, פארשפעטיקט.

אין דעם מאמענט האט זיך געעפנט די טיר און עס האט זיך באוויזן ראוויל.

א הויכער, אן אפגעצערטער, מיט א בלאס־מאט פנים און מיט שווארצע, אביסל צו לאנגע האר, האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א פאעט. ער איז געבליבן שטיין בא דער טיר מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, סאלוטירנדיק מיט דער האנט די פארזאמלטע. זיין פאזע איז געווען אקטיאריש און נאך מער איז דאס אונטערשטראכן געווארן מיט זיין לייכטן, ברייטן שפאן און מיטן זשעסט מיט וועלכן ער האט אראפגעווארפן זיין לאנגן מאנטל, אוועקזעצנדיק זיך באם טיש לעבן ספאקן.

באזאן האט קורץ א בליק געטאן אף אים און קוים א שמייכל געטאן. דערנאך א שאקל געטאן מיטן קאפ צו קונען.
קון האט זיך אויפגעהויבן :

די זון אין מיזראַך

— אין נאָמען פון דער רעפּובליק דערקלער איך די זיצונג דערעפנט.

אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן און צוריק אַנידערגעזעצט זיך.

קון האָט פאָרטגעזעצט:

— די הײַנטיקע זיצונג איז פאַררופן פון בירגער באַזאַן צו דיסקוטירן די געשאַפענע לאַגע אין פאַרבינדונג מיט דער טעטיקײַט פון דעם מיטגליד פון צענטראַט, בירגער ראַוויל. בירגער באַזאַן האָט דאָס וואָרט.

באַזאַן האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דער האַלב איראַנישער שמייכל אויף זײַנע ליפּן איז פאַרשוואונדן. ער האָט אַרומגעקוקט די מיטגלידער פון צענטראַט און אָפּגעשטעלט זײַן בליק אויף ראַווילן. זיי האָבן געקוקט אײנער אויפן צווייטן, ווי וועלנדיק זאָגן מיט די בליקן דאָס, וואָס ס'איז אוממעגלעך געווען אויסצודריקן אין ווערטער. די געדאַנקען האָבן געפאָדערט אַנטפּלעקונג. דאָס וואָרט האָט זיך געריסן פון די ליפּן.

באַזאַן האָט אָנגעהויבן:

— הײַנטיקע זיצונג האָב איך פאַררופן אום, אײנמאָל פאַר אַלעמאָל, צו דערלייזן די אָנגעלעגנהייט — ראַוויל. מיר זענען שוין גוט באַקאַנט מיט דער פּראָגראַמע פון די ראַוויליסטן. מיר האָבן זי שוין דורכגעשטודירט פונקט נאָך פונקט, און מיר האָבן זי שוין אין געוויסע טײלן אָנגענומען און דורכגעפירט.
פרײַהייט פון וואָרט און פרײַהייט פון פּרעסע האָבן מיר פריער אויך געהאַט. מיר האָבן קײנעם ניט געשטערט אַרויסצוזאָגן מיינונגען, וועלכע האָבן זיך באַזירט אויף קאָנסטרוקטיווער זעלבסטקריטיציזם.

ראַוויל האָט זיך צעלאַכט:

— כאָ, כאָ! פרייהייט פון וואָרט און פון פרעסע האָבן מיר פריער אויך געהאַט! מיר האָבן קיינעם ניט געשטערט, כאָ,כאָ! ס'איז פאָרטרעפלעך! קלאַסיש!

קון האָט שטרענג א קוק געטאָן אף אים:

— אָרדנונג, בירגער ראָוויל. אָרדנונג...

באָזאָן האָט פאָרטגעזעצט:

— בירגער, מ'טאָר ניט דערפירן די פרייהייט פון וואָרט און פון פרעסע צו אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכער וואַקכאַנאַליע פון פראַזן, וואו יעדער איינער, וואָס איז קאָמפעטענט און ניט קאָמפעטענט, זאָל האָבן די רעכט צו לאָזן זיינע שליוזן אָפן און פאָרטרענקען אונדז מיט א יאַם פון קריטיק. פרייהייט פון וואָרט דאַרף אויך האָבן גרענעצן אין דער מאָס, ווי עס מאַניפעס־טירן זיך אַלע אַנדערע אינדיווידועלע באַדערפענישן, פאָדערונגען, איינגשאַפטן און באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. מיר האָבן זיך אף דער לעצטער זיצונג ניט געקאָנט אייניקן אף דער פראַגע וועגן דער באַפרייאונג פון אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען, מוזן מיר דאָך צוגעבן, אַז אַלע אַנפירער פון די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס זיצן נאָך אַלע פאַרשפּאַרט, אַפילע נאָכדעם, ווי אַלע פאָדערונגען פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט זענען שוין פון לאַנג דורכגעפירט געוואָרן. זיי זיצן אַרעסטירט, ווייל אַזוי האָט געפאָדערט די לאָגיק פון רעזשים. זאָל אונדז ניט שרעקן דער אויסדרוק: לאָגיק פון רעזשים. עס איז רעזשים, ווען מיר, דער צענטראַט, טראָגן אף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם לאַנד; עס איז רעזשים, ווען מיר פלאַנירן און פירן דורך די אַלע עקאָנאָמיש־סאָציאַלע און קולטורעלע פּראָבלעמען אין לאַנד; עס איז רעזשים, ווייל אונדז איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו באַנוצן זיך מיט מאַכט, צו באַנוצן זיך מיט די זעלבע מיטלען, וואָס ווערן באַנוצט פון אַלע אַנדערע רעגירער.

ראַוויל האָט ווידער איבערגעשלאָגן:

— געגעבן געוואָרן, אָדער מיר אַליין נעמען זיך דאָס רעכט?

באַזאַן האָט אים איגנאָרירט:

— מיר האָבן געלייזט אונדזערע אַגראַרע פּראָבלעמען; מיר האָבן פונאַנדערגעוויקלט און מיר פירן דורך אונדזערע אינדוסטריעלע פּלענער; מיר האָבן, אַף ווי מעגלעך, געלייזט און סטאַביליזירט די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אונדזער ביודזשעט איז באַלאַנסירט; אַלע קולטור צווייגן פון לאַנד בליען; אונדזער אַרמיי איז די שטאַרקסטע גאַראַנטיע קעגן קריג; אונדזער לאַנד איז די אינטערעסאַנטסטע לאַבאָראַטאָריע פאַר סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, ביאָלאָגישע, און אַלערליי אַנדערע וויסנשאַפטלעכע און קונסט עקספּערימענטן. איך וויל ניט איבערטרייבן אונדזערע דערגרייכונגען. מיר זענען אָבער זייער ווייט אַוועק פאַראויס. מיר האָבן מיט וואָס צו שטאָלצירן. — און דאָך האָבן מיר נאָך טפיסעס. דאָך זיצן נאָך אין די קאַמערן, דאָ און דאָרט מענטשן פאַר זייערע איבערצייגונגען וואָס שטימען ניט מיט אונדזערע פּלענער. דאָך זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע ראַווילס, גרעסערע און קלענערע, וועמעס אַקציעס עס צווינגען אונדז צו גיין קעגן אונדזער רעוואָלוציאָנערן געוויסן. ער רעוואָלטירט אין מיר דער געדאַנק, ווען איך טראַכט וועגן די טפיסעס, וואו איך און איעדער פון אייך האָט פאַרבראַכט גאַנצע שטיקער פון זיין לעבן. ווייסט אָבער עמיצער פון אונדז אַן אויסוועג פון דעם? דערפאַרונג האָט אונדז פאַרט געלערנט, אַז נאָכגעבערישע, ווייכהערציקע אַקציעס צעשפּליטערן אונדז און פאַרלענגערן דעם פּראָצעס פון סאָציאַלער אויפבויאונג. מיר טאָרן ניט און מיר קאָנען ניט זיין נאַאיוו נאָך אַזויפיל דערפאַרונג. מיר מוזן נאָך אַלץ האַלטן דעם מאַנסטער, דעם פּילקעפּיקן הונט פאַר וועלכן מ'זאָל זיך שרעקן. די פאַלגן פון דעם דעקרעט וועגן פרייער פּרעסע האָבן זיך שוין קלאָר באַוויזן אין דעם געשטאַלט, ווי איך האָב עס דערוואַרטעט. דער טריאומף פון די ראַוויליסטן דריקט זיך אויס מיט אומ־

געצוימטער ווילדקייט, מיט וואקכאנאלישער פרייד און פארשי־
קערונג אין דער פולער מאס. מ׳קאן זאגן, דער „ליבעראטאר״,
דער ארגאן פון די ראוויליסטן, פאלט שוין פון די פיס. דער
„ליבעראטאר״ שטעלט זיך ניט אפ און פראוואצירט אפילע די שוין
גענעבענע פרייהייט. איר האט אלע געזען די קאריקאטורן. איך
דיריגיר מיט א שווערד דעם גרויסן כאר — דאס פאלק, וואס
שטייט מיט פארבונדענע מיילער. איך שטיי אף א בארג מיט א
פאן אף וועלכער ס׳איז אנגעשריבן „פרייהייט״ — דעם פאלק,
אבער, איז פארווערט ארויפצוקלעטערן. דער אונטערשריפט:
דער באפרייער. אייניקע זענען גענייגט צו זען אין דעם פאלקס
הומאר און סאטירע, איך זע אבער אין דעם אבזיכטלעכע פראוואַ־
קאציע. פירער דארפן האבן קלארע קעפ, בירגער! א פירער דארף
זיין פאראנטווארטלעך. א פירער טאר זיך ניט לאזן באהערשן
פון וואקכאנאלישער פרייד און אונטערגראבן די סאלידאריטעט.
א פירער דארף וויסן ווען און ווי אזוי אויפצועפענען די שליוזן
און, הויפטזעכלעך, היטן פון שמוציקן אויסגוס, היטן פון איבער־
פלייצונג. און דא וויל איך גלייך אנרופן ראווילן. ראוויל האט
געפירט צו די לעצטע געשעענישן. ער האט צוגעגרייט א באדן
פאר אומבאגרינדעטער אומצעפרידנקייט; ער האט פאראורזאכט
מאניפעסטאציעס און סאבאטאזש; ער האט, ניט רעכענענדיק
זיך מיט די מעטאדן און מיט די קאנזעקווענצן צו וועלכע זיין
פראזעאלאגישע רעוואלוציאנערישקייט קאן פירן, פארנומען זיך
צו ברענגען די אנארכיע; ער פאדערט די באפרייאונג פון אלע,
אן אויסנאם, פאליטישע און אפילע קרימינעלע ארעסטירטע. עס
איז עפשער אויך אין מיין גייסט און אין גייסט פון יעדן איינעם
פון אייך, עס איז אבער ניט אין די ראמען פון פראקטישער
שטאטסמאנשאפט.

איך האב היינט באפרייט ראווילן. ער איז איצט דא מיט אונדז,
און עס איז מיין טיפסטער ווונש, אז ער זאל אונדז פארשטיין;
אז ער זאל זיך אפגעבן רעכנונג אין זיינע לעצטע דיסקרימינירנדע
אקטן; אז ער זאל צוריקקומען אין צענטראט מיט דער איבער־
צייגונג, אז זיין ארבעט איז געווען א שעדלעכע. די אלע אולטרא־
רעוואלוציאנערע רעפארמען וועלן זיכער געלייזט ווערן אין דער

צוקונפט. איעדער איינער פון אונדז שטרעבט צו דעם. איצט איז די צייט פון קאָנסטרוקציע. דאס איז מיין פארשלאָג צום בירגער ראוויל, און זאָל יעדער מיטגליד פון צענטראַט ארויסזאָגן אויך זיין מיינונג!

באזאן האט פארענדיקט און האט זיך אנידערגעזעצט.

קון האָט זיך געווענדט צו בענקע:

— גענעראַל בענקע.

בענקע האט זיך אויפגעהויבן, ארייננעשטעקט די פינגער צווישן די פארשפילעטע קנעפלעך פון זיין מיליטערישן ראָק און א קוק געטאָן שטרענג אין ראווילס זייט:

— בירגער! דאס איז שוין דאס דריטע מאָל, וואָס מיר פארהאנדלען די אנגעלעגנהייט ראוויל. עס איז פאר אלעמען קלאר, אז בירגער ראוויל טרעט אריבער אלע אנגענומענע גרענעצן אין וועלכע א מיטגליד פון צענטראַט און א פירער דארף זיך האלטן. איך האב שוין מיין מיינונג ארויסגעזאָגט בא די ערשטע צוויי זיצונגען, איבערהויפט בא דער צווייטער, ווען מיר האבן סאנקציאָנירט דעם ארעסט פון בירגער ראוויל. איך וויל איצט אויסדריקן נאר מיין אומצופרידנהייט מיט דער האנדלונג פון בירגער באזאן. ראוויל האט ניט געטארט באפרייט ווערן. אזא האנדלונג דער־מוטיקט אים, ווי אויך זיינע אנהענגער, וואס פארכלינען זיך שוין מיט זייער אייגענער בראַוואַדאַ. בירגער, בא אונדז מוז הערשן דיסציפלין. וואלט אזא פאל געשען אין דער ארמיי, וואלטן מיר אנדערש געהאנדלט. בירגער באזאן האט קלאר פארמולירט זיין פארשלאג צו ראווילן. איך אונטערשטיץ אים און דער פארשלאג מוז אנגענומען ווערן.

קון האָט אויפגעהויבן די אנגעכמורעטע ברעמען און אפגעשטעלט זיין שארפן בליק אף ראזא לאטי:

מ. גיציס

— בירגערן ראזא לאטי.

ראזא לאטי:

—בירגער! פאר מיר איז די גאנצע אנגעלעגנהייט א פארם אין וועלכן מיר זענען געצוואונגען צו שפילן ראלן, וועלכע מיר ווילן ניט שפילן. ראוווילס ארויסטרעטונגען, די ארטיקלען אין דעם „ליבעראטאר" און די שטיצע, וואס ער געפינט אין די קרייזן פון די אינטעלעקטואלן, דאס אלעס ווערט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, פונאנדערגעבלאזן פון אונדז און עס איז זייער גינסטיק פאר ראוווילן און זיינע צילן. ראוווילן און זיין גרופע האט זיך פארגלוסט צו מאכן אביסל טומל אין דער צייט, ווען אונדזערע רעפארמען ווערן פון טאג צו טאג דעמאקראטישער. אט א דעם מאמענט וויל ראוויל אויסנוצן צו שטילן זיין רעוואלוציאנערישן טעמפעראמענט. ראוויל, מוז איך באמערקן, איז קיינמאל ניט געווען פון די דאזיקע וואס פארנעמען זיך מיט קאנסטרוקטיווער ארבעט. ער איז אימער געווען פון דעם מין רעוואלוציאנערן, וואס דארפן בלאזן אף די פונקען. ער איז פול מיט לופט. ער מוז בלאזן — בלאזט ער. וואלט ער ניט געווען קיין מיטגליד פון צענטראט, וואלטן מיר, עפשער, געמעגט לאזן אים אויסבלאזן זיך. די פאזיציע אבער, וואס ער פארנעמט, האט א מאראלישע און פסיכאלאגישע ווערט און באדייטונג. ווייל צו אונדז קוקט מען ארויף, צו אונדז הערט מען זיך צו. קיין איבערקערעניש מיט זיין רעוואלוציאנערישקייט וועט ער ניט מאכן, זיינע ווערטער זענען אבער אפט ווי שטיינער, וואס פאלן אין טיפן וואסער אריין. עס מאכט רינגען, עס שאפט כוואליעדיקע קרייזן, קלענערע און גרעסערע, נאענטערע און ווייטערע. דאס פאלק בויט געדולדיק. די ארבעט גייט אין א פריידיקער טעמפא, מיט ענטוזיאסטישער צעפרידנקייט, פון אונדזער יוגנט וואקסן ארויס נייע שעפער, נייע אינזשענערן פון לעבן, טארן מיר ניט דערלאזן, אז די ראווויליסטן זאלן פונאנדערבלאזן אנארכישע ווינטן. ראוווילס ארבעט מוז זיך קאארדינירן מיט דער אלגעמיינער ארבעט פון צענטראט און מיט דער באדינגונג נעם איך אן דעם פארשלאג פון דעם בירגער

די זון אין מיזראך

און פירער באזאן.

ווען זי האט זיך אנידערגעזעצט האט ראוויל איר אפלאדירט. נארדי האט איראניש געשמייכלט.

קון:

— בירגער אבא:

אבא האט זיך אויפגעהויבן א שווערער, אניטצעפרידענער:

— איך האף, אז די היינטיקע זיצונג וועט זיין די לעצטע פון דעם מין... מיר זענען לעצטנס געווארן שוין צו טאלעראנט און צו ווייכהערציק. איך בין שוין מיד פון אט דעם שאנטע־קלערישן קלאפן מיט די פליגל. מיר האבן דעם זעלבן פאטענט אף רעוואלוציאנערישקייט, ווי דער רעוואלוציאנער ראוויל. מיר דוכט, אז אף דער לעצטער זיצונג האט ער קלאר געמאכט זיין שטעלונג און, נעמענדיק אין אנבאטראכט זיין האלטונג דא, גלויב איך ניט, אז ער האט זיין שטעלונג געביטן. אבער בירגער באזאן האט ווידעראמאל פאררופן די זיצונג, ווייל איך איצט זאגן און דערמאנען דעם בירגער ראוויל: די דיקטאטור איז געשאפן געווארן מיטן ווילן פון פאלק און מיר רעדן און האנדלען אין נאמען פון פאלק. ראוויל רעדט אין זיין אייגענעם נאמען. עס וועלן זיך געפינען אזעלכע, וואס וועלן זיך צוהערן צו אים. מיר האבן אזעלכע אויך אין צענטראט. דאס זענען די בירגער ספאק און נארדי. זיי, אלס מיטגלידער פון צענט־ראט דארפן טראגן אף זייער געוויסן די פאלגן, וואס דער ראוויליסטישער טומל קאן שאפן. זיי ווייסן זייער גוט, אז אונדזער ציל איז ניט צו האלטן דאס פאלק אונטער דעם אייזערנעם קנאפל, נאר צו דערפירן דאס לאנד צום געזונטן, פראדוקטיוון קאמונאלן צושטאנד. דידאזיקע, וואס סאבאטאזשירן, דידאזיקע, וואס שטערן, מוזן באזייטיקט ווערן. מיין לעצט ווארט צו ראווילן און צו זיינע נאכפאלגער: באדענקט זיך.

קון:

— בירגער מארגאש.

מארגאש:

— מיר דוכט, אז מיט וואס פאר א ווערטער מיר זאלן ניט ארויסזאגן אונדזער מיינונג וועגן דעם בלאטער, וואס האט פלוצים ארויסגעזעצט אין צענטראט, וועלן מיר אבער אלע קומען צום זעלבן שלום. דער בלאטער מוז געעפנט ווערן און דאס ווילדע פלייש אויסגעשניטן ווערן. ראווילן איז געגעבן געווארן אן איבער־ריקער שאנס צו רעאביליטירן זיך, דארף ער עס טאן.

קון:

— בירגער בונזע.

בונזע:

— איך האב ניט וואס צוצוגעבן צו די ארויסגעזאגטע מיי־נונגען פון די מיטגלידער פון צענטראט. איך בין איינשטימיק מיט זיי אין אלע דעטאלן.

קון:

— בירגער נארדי.

נארדי:

— מיין נאמען און דער נאמען פון בירגער ספאק, איז שוין דא דערמאנט געווארן אין פארבינדונג מיט בירגער ראווילס פארראט צו דער רעוואלוציע. און די עפיטעטן פאר דער געשאַ־פענער פראקציע וואס וויל, אז דער קאמף פאר פרייהייט זאל ניט

ווערן בלויז פּיקציע, זאָל ניט בלייבן בלויז אָצוגעזאָגטער ביסן, אָצוגעבונדענער בינטל שטרוי פאַר דער מאָרדע פון דעם פערד, וואָס מ׳טרייבט פאַראויס צו דעם צוקונפטיקן פּאַראַדיז, — די עפּיטעטן האָבן שוין גאַנץ עמפּאַטיש אַרויסגעבראַכט די מיינונגען און די שטימונגען פון דעם צענטראַט. דאַרף איך זיך איצט אָנידערשטעלן דאָ און אַגיטירן פאַר אונדזער אויפגעהויבענעם קאַמף? עס וואָלט געווען קאָמיש. מיר דוכט, אַז דאָס פאָלק וועט ענטשיידן דעם גאַנצן שטרייט. דאָס לעצטע וואָרט געהערט אימער צום פאָלק. עס וועט ניט העלפן אייער טאַבו.

קון:

— בירגער ספּאַק.

ספּאַק:

— מיין וואָרט איז שוין אין פאַראויס פאַראורטיילט. מיין קרעדאָ איז שוין אין פאַראויס געשטעמפּלט. איך זע ניט די נויטווענדיקייט צו רעדן.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אַלע האָבן געשוויגן אין דערוואַרטונג.

קון האָט ענדלעך געזאָגט:

— בירגער ראַוויל האָט דאָס וואָרט.

ראַוויל האָט זיך אויפגעהויבן און אַרומגעקוקט אַ ווײַלע דעם צענטראַט מיט זיין בליציקן נערוועזן בליק:

— בירגער!

אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי אויך איצט. באַזאַן זיצט אינדערמיט. באַזאַן איז דער צענטער. באַזאַן איז דער הערשער. אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי איז אויך איצט. אין די נייע קאַנאַלן ריינען די זעלבע בליטן.

מיר האבן ווידער דעם איינציקן, דעם מיטלפונקט צו וועמען עס ציען זיך אונדזערע בליקן, ווי ראדיוסן אין א צירקל. דער איינציקער האט מיך געקאנט ארעסטירן, און דער איינציקער האט מיך געקאנט באפרייען. ער האט מיר גרויסמוטיק דערלויבט צו קומען אהערצו צו דערקלערן מיין טיפסטע כאראטע אין מיין שעדלעכער ארבעט.

בירגער, אויב איינער פון אונדז זאגט זיך אפ פון זיין אויפריכטיקסטן גלויבן, אויב איינער פון אונדז לייקנט אפ דעם קאמף פון זיין לעבן און פאררעט דעם רעוואלוציאנערן גייסט, אויב איינער פון אונדז דערלויבט זיך צו קאפיטולירן צום אטאקראטישן רעזשים, דאן איז זיין גאנצע רעוואלוציאנערישקייט ניט מער ווי א קאלירפולער זייפנבלאז. איך האב געזאגט אטאקראטישער רעזשים, בירגער . . . אין בעסטן פאל איז דאס אן אליגארכיע, מיט דעם פיין קלינגדיקן נאמען — צענטראט. דער פירער באזאן איז א געוויסנהאפטער מענטש, זיין ראנגלעניש צווישן רעוואלוציאנערישקייט און שטאטסמאנשאפט איז ווירקלעך טראגיש. ער האט מוירע פאר איבערפלייצונג און זעט ניט, אז ס'איז בעסער אויפצועפענען אלע שליוזן און מיטשלעפן דעם גאנצן שמוץ, איידער האלטן עס א נעסט פאר מיקראבן. ער האט מוירע פאר אנארכיע פון ווארט און פאר אנארכיע פון טאט. ער דארף נאך אלץ דעם מאנסטער, דעם פילקעפיקן הונט, ווייל ער ווייסט: דער פרייהייטס שטראם קאן נאך אפוואשן דעם טראן און ארויסשליידערן אים פון דעם צענטער. אויב ניט אין זיין באוואוסטזיין, איז ערגעץ אין זיין אונטערבאוואוסטזיין פאראן די מוירע פאר דעם דעמאקראטישן, וואס וועט אטראפירן דעם גרויסן בויער, דעם היסטארישן גיגאנט — באזאן. ערגעץ, בירגער, ליגט בא אים באהאלטן א דער צענטראפונקט קאמפלעקס. ער איז פאראן בא יעדן פון אייך. ווייל א יעדער פון אייך שטייט אין א צענטער און האלט די פעדים, וואס ציען זיך צום ראנד פון צירקל, וואו עס טאנצן נאך אייער דודקע מאריאנעטן. און א יעדער פון אייך איז גרייט צו פראוואצירן מיט שטיצע דעם פירער, אום צו קאנען מיט אט דער מאכט, אונטערן שאטן פון דעם אלמעכטיקן, עקזערצירן און דורכפירן די אייגענע, פערזענלעכע אמביציעס...

די זון אין מיזראַך

בונזע און בענקע זענען אויפגעשפרונגען אויפגערעגטע:

— ס'א כוצפּע!
— אַקטיאָר! פּראַזיאָר!
— ווי וואַגט ער עס!

קון האַט געפּראָוווט איינשטעלן אָרדענונג:

צו ראַווילן:

— בירגער ראַוויל, איר טרעט אַריבער אַלע גרעניצן פון אַנשטענדיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

נאַרדי האַט געפּוצט די נעגל און אַרבל פון זיין ראָק. אַזאַג געטאָן מיט געמאַכטער רואיקייט:

— עס שאַדט ניט. מ'מעג אַמאָל הערן דעם עמעס אויך.

קון האַט זיך געווענדט צו ראַווילן:

— זעצט פאָר, בירגער ראַוויל.

ראַוויל:

— יאָ, איך וועל פאָרטזעצן, בירגער. אויך איך האָב גע־שטרעבט צו אַט דער אָליגאַרכיע — צו באַפרייען. אויך איך וואָלט געקאָנט ווערן איינער פון אייך. אָבער איך וויל ניט. ווייל וואָס איז די באַפרידיקונג פון אַ פירער, אין וואָס באַשטייט דער פּראָגרעס פון אונדזער עפּאָכע, ווען איך הער נאָך ווי עס קלינגען קייטן; ווען עס איז נאָך אַלץ פאַראַן דער אויבן און דער אונטן; דער נייער מין פּאַטריציער און דער נייער טיפּ פּלעבעיער. יאָ, מיר האָבן אַ סאַך דערגרייכט, און מיר האָבן זיך הויך דערהויבן, מיר האַלטן אָבער נאָך אַלץ באַ די האָר איינער דעם צווייטן; און אין אונדז זידן און קאָכן זיך נאָך אַלץ סינע און קינע; און

אין איעדן פון אונדז שטשירעט נאך אלץ מיט די ציין דער בלוטדורשטיקער וואלף; און די שטרעבונג צו פרייהייט איז נאך אלץ אקאפשווינדלערישער קאמפלעקס.
בירגער פון צענטראט, איך האב ניט וואס צו ענטפערן אף די באשולדיגונגען פון בירגער באזאן. איך בין שולדיק, ווייל איך בין א רעוואלוציאנער. דאס איז שוין אויך געווארן א פארברעכן. בין איך גרייט צו טיילן דעם שיקזאל פון יענע קעמפער, וואס האבן דרייסט און אומדערשראקן געטראגן דעם פאקל פון פרייהייט אין דער פינצטערניש פון דיקטאטארשאפט. איך וועל לעבן און איך וועל שטארבן מיט דעם דעוויז: פאר א פרייער דעמאקראטישער קאמונע! נידער מיט דיקטאטור!

באזאנס שמייכל איז געווען קאלט ווי אייז.
די איבעריקע האבן ערנסטע געשוויגן.

קון האט איבערגעריסן די שטילקייט:

— וויל עמעצער דאס ווארט?

קיינער האט ניט געענטפערט, האט זיך באזאן אויפגעהויבן:

— איך.

ער האט זיך אנגעשפארט אין זיין געוויינלעכער פאזע, מיט די פויסטן אן טיש; געשטאנען אזוי אן אנגעבויגענער, אן ענטשלא־סענער, קוקנדיק מיט זיין ערנסטן בליק אף ראווילן. ענדלעך אנ־געהויבן:

— א הייס הארץ און א היציקן קאפ, א געפליגלטע פראזע און א קאלירפולע פאנטאזיע האט ער — ראוויל. ער איז ווי דאס ליד, וואס מ׳זינגט גייענדיק אין שלאכט. מארש פאראויס צום זיג, אבער מיינסטנס... צום טויט. ער איז ווי דער פייערווערק, וואס ווערט ארויפגעשאסן צום הימל, וואס צעשיט זיך אין טויזנטער פייערדיקע קאסקאדן — און ווערט באלד אויסגעלאשן. שיין

צו קוקן, שיין צו הערן, שיין צו גלויבן, אַבער... עס איז ניט דויערהאַפט. עס איז ניט פאַרן בויער. עס וואָלט זיך מיר אויך גע־וואָלט גלויבן אין דער דיסטילירטער ריינקייט פון מענטשלעכן גייסט, איך קאָן אָבער ניט. קאָן עמיצער פון אייך? קאָן עמיצער פון אייך?!

בירגער פון צענטראַט! איעדער רעוואָלוציאָנער איז אַ טרוימער. אָבער די פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פון וועלכער ראַוויל טרוימט, איז אַ פאָרמולע, וואָס קיין איין אַלכעמיקער האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַוויזן צו קאָמפּאָזירן. מיר גלויבן אַלע אין דער דרייאיינִיקייט. מיר זעען זי אויפגיין אין אונדזער האָפנונג יעדן טאָג ווי די זון; און יעדע נאַכט פאַרגייט זי, אום אין דעם קומענדיקן פאַרטאָג ווידער אויפצוגיין. יאָ, ס'איז אַ טראַגעדיע, ווען דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס געוויסנהאַפטיקע, דאָס טרוימערישע דאַרף זיך ראַנגלען אין דיר מיט דעם דיקטאַטאָרישן, מיט דעם שטאַטסמאַנשאַפטיקן. דידאָזיקע, וואָס בויען מיט דער פאַנטאַזיע פאַרפליען צו ווייט; דידאָזיקע, וואָס ווילן צעמענטירן דאָס לעבן מיט סענטימענטן, וועלן זיכער זען דעם קאַטאַסטראָפאַלן צעזאַמענברוך. מיר קאָנען זיך נאָך ניט דערלויבן דעם לוקסוס פון דער ראַוואַליסטישער רעוואָלוציאָנערער ווייכהערציקייט, וואָס גרעניצט זיך מיט אַ מין רעליגיעז־פילאָסאָפישער דאָגמע. איצט דאַרף דער מעלוכע אַפּאַראַט אַרבעטן גלאַט, און אין יעדן אַפּאַראַט איז דער מאַטאָר די הויפּט זאַך. מיר זענען די מאָטאָרן. יאָ, אָליגאַרכיע, ניט אָליגאַרכיע — מיר זענען די מאָטאָרן. דער מאָטאָר ראַוויל איז קאַליע געוואָרן. ער קלאַפּט און רוישט צו שטאַרק און צו הויך—דאַרפן מיר אַן אַנדערן נעמען אויף זיין פּלאַץ. אונדזער דערפאָלג, בירגער, קומט דורך אונדזערע שטאַלענע הענט און דורך אונדזערע ענטשלאָסענע האַנדלונגען. די הימלישע פרייהייט וועלן מיר איבערלאָזן פאַר ראַווילן. פאַר זיך וועלן מיר נעמען די ערד. איך שלאָג פאָר אַרויסשיקן אים פון לאַנד.

ראַוויל איז אויפגעשפּרונגען, אַ כאַפּ געטאָן דעם מאַנטל פון שטול און מיט פעסטע טריט געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. געבליבן שטיין בײַ דער טיר און עמפּאַטיש אָזאָג געטאָן:

מ. גיציס

— אט דא אין דעם לאנד האב איך אויסגעברענט מיין הארץ אין קאמף און דא אין דעם לאנד וועלן מיינע ביינער בלייבן!

א ווארף געטאן דעם לעצטן פייערדיקן בליק צו באזאנען און איז ראשיק ארוים.

קון:

— איך וועל נעמען דעם פארשלאג פון בירגער באזאן, ארויס־צושיקן דעם בירגער ראוויל פון לאנד, צום אפשטימען. ווער...

. . . .
. . . .

V

דער טאָג איז א זוניקער. ס'איז שטיל. פון די ליכטפּאַסן, וואָס ציען זיך פון די פענצטער, און פון די שאָטנס, וואָס באַהאַלטן זיך אין די ווינקלען, און פון דער שטילקייט ארום איז מאָדנע טריב.

באַזאַן איז שוין פון לאַנג אויפגעשטאַנען. ניט געקאָנט שלאָפן א גאַנצע נאַכט. ער האָט געטראַכט: דער היסטאָריקער, וואָס וואָלט אים געזען אין הערדאָזיקער נאַכט, וואָלט פאַרשריבן: דער דיקטאַטאָר האָט אין יענער נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן. מאָרע־שכוירעדיקע געדאַנקען האָבן אים געפּלאָגט. דער געוויסן האָט געפּייניקט... און אזוי ווייטער. ס'איז אָבער געווען ניט דער געוויסן, וואָס האָט געפּייניקט. געפּייניקט האָבן די געדאַנקען: אַט איז געווען א ראַוויל, און אַט איז ער ניטאָ.

ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען יעדער איינער וואָלט געקאָנט לייענען זיינע געדאַנקען און זען זיי אַזעלכע נאַקעטע, ווי ער זעט זיי. מ'קאָן אָבער ניט. און ווען מ'קאָן, וואָלט ער ניט געטאָרט ווייזן זיי. אין זיינע רעדעס, וואָס די ראַדיאָ צעטראָגט איבער דער וועלט, און אין זיינע אַרטיקלען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין יעדן לאַנד, דאַרפן זיינע געדאַנקען זיין געמאָסטענע, קאַלקולירטע; זיי דאַרפן, ווי גוט אויסמושטירטע סאָלדאַטן גיין שערענגע נאָך שערענגע. קיין איבעריק וואָרט, קיין איבעריקן שפּאַן, קיין פאַלשע נאָטקע... יעדער וואָרט זיינס ווערט שטודירט דורך א מיקראָסקאָפּ; יעדער שריט — דורך א טעלעסקאָפּ; יעדער אויער — א סטעטאָסקאָפּ, און יעדער צונג — א סקאַלפּעל. מע ווייסט ניט, אַז אויך אין אים קריכט אָפּט דער צווייפל, אַז

אויך אים באאומרואיקן שטימונגען, אז אויך ער קוקט אפט אף די שטערן און פרעגט זיך די אייביקע פראגע: פון וואנען, פון וואס און וואוהין?
ער קאן וועגן דעם רעדן נאר מיט אונאן און אמאל מיט נוראן. פאר דער וועלט אבער מוז ער בלייבן דער שטאלענער, קאלקולירנדער, רואיקער און קאלטער מויאד.

. . . .
. . . .

דער טאג איז א זוניקער. ס'איז שטיל. אין די ליכט פאסן וואס ציען זיך פון די פענצטער, שפילן מיריאדן שטויבעלעך. פון די שאטנס, וואס באהאלטן זיך אין די ווינקלען, און פון דער שטילקייט ארום איז מאדנע טריב.

באלד דארף קומען אונא. ער האט שוין אראנזשירט וועגן דעם מיט א וואך צוריק. אין זיין מעמא־בוך איז פארשריבן: דעם זיבצענטן, צען אינדערפרי — אונא.

. . . .
. . . .

דער טעלעפאן קלינגט. דאס איז מיסטאמע אונא אנגעקומען. ער האט אויפגעהויבן דאס טרייבל:

— האללא! — יא... נורא?... אה...

אף נוראן האט ער זיך היינט ניט געריכט.

— גוט. זאל זי ארויפקומען.

זי איז אריינגעקומען א שטאלצע און א קאלטע. א קוק געטאן אף אים און גלייך א פרעג געטאן:

די זון אין מיזראַך

— צערודערט ?

האָט ער פאַרשטאַנען וואָס זי פרעגט :

— ניט צערודערט, נאָר ענטוישט.
— ענטוישט ?
— רעדסט דאָך וועגן ראַווילן ?
— יאָ.

— איך בין ענטוישט אין אים. דאָס איז ניט דער וועג פון אַ רעוואָלוציאָנער אַ בויער. מיר האָבן ניט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי נאָר אַרויסצעשיקן אים, — האָט ער פאַרענדיקט זיין לעבן ווי אַ נאַרישער סענטימענטאַליסט. די פּאָזע, די שפּיל האָט ער געשטעלט העכער פון לעבן. און די דראַזיקע, וואָס שפּילן און פאַזירן האָבן קיינמאָל ניט דעם גרונט אונטער זיך.

נוראַ איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע נעבן אים און געקוקט אין זיינע אויגן. דערנאָך האָט זי אַ שמייכל געטאָן און פונאַנדער־געבונדן דעם שוואַרצן באַנד אַרום דעם האַלדז. איר לאַנגער שוואַרצער מאַנטל איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע אַקסלען און גע־בליבן ליגן ווי אַ שוואַרצער רינג בײַ אירע פיס. געלאָזט זיך גיין צום דיוואַן :

— איעדער פון אונדז שפּילט, אָבער ניט איעדער האָט ליב פּאָזע און קאָן שטעלן די שפּיל העכער פון לעבן. און ניט איעדער האָט דעם פונק, די וויזיע, די פאַרשטענדניש פאַר דער שיינקייט פון עפעקט און טאַט. אַט... ראַווילס טויט האָט דיך נאָר ענטוישט...

— וואָס האָסטו געוואָלט איך זאָל זאָגן וועגן אים ?
— איך האָב גאָרניט געוואָלט. ס'איז גלאַט אַ רעפלעקס אַזאַ.
— דאָך האָסטו דערוואַרטעט צו טרעפן מיך אַ צערודערטן.
— דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך עס ניט דערוואַרטעט.
— בין איך טאַקע אַזוי האַפנונגסלאָז קאַלט, אָן אַ פונק פון עמאָציע אין זיך ?

— דו ווילסט אזוי זיין.

— פארוואָס מיינסטו, אַז איך וויל זיין אזוי ?

— ווייל ס'איז דער אַנטידאָט צו שוואַכקייט. מיר דוכט, אַז דו האָסט פאר קיין זאַך ניט אזוי מוירע ווי פאר דעם מיקראָב פון סענטימענטאַליזם. דערשפירסטו אַ גראַדוס פון אַט דעם געפיל, מיינסטו שוין, אַז דאָס לאַנד, און די פּראָדוקציע, און די אינדוסטריע — אַלעם ברעכט צעזאַמען. און דעם ראַווילִיסטישן סענטימענט האָסטו שוין זיכער אַנגענומען פאר אַן עפּידעמיע. דערפאר האָב איך ניט דערוואַרטעט צו זען דיך אַ צערודערטן. גלאַט געפּרעגט — אויס העפלעכקייט, עפּשער.

— אויס העפלעכקייט?

— יאָ, זאָלסט מיינען, אַז איך מיין, אַז דו ביזט צערודערט.

— לויט מיין איינדרוק, ביזטו גאָר דיזאַזיקע, וואָס איז צערודערט.

— איך באַוואונדער דיין כוש.

— איבער ראַווילן ?

— מעגלעך.

— אַ שאָד... פאַרט אַ קאָלעגע. און אַ „שטערן" דערצו.

— יאָ, און וואָס ווייניקער שטערן אַרום, אַלץ ליכטיקער וועט שיינען באָזאַן.

— דו ביזט ניט נאָר צערודערט, — דו ביזט אויך בייז, פאַרביטערט. וואָס ווייניקער שטערן, זאָגסטו, אַלץ ליכטיקער וועט שיינען באָזאַן. איך וואונדער זיך, צו מיינסטו טאַקע, אַז איך, באָזאַן, בין פון די דאַזיקע, וואָס קעמפן, בויען און האַנדלען אזוי דיקטאַטאָריש נאָר צוליב דעם, אַז איך זאָל זיין און בלייבן דער איינציקער, וואָס שיינט, דער אייינציקער, וואָס זאָל הערשן און באַפעלן. מיינסטו טאַקע, נוראַ? מיינסטו טאַקע, אַז ראַוויל איז געשטאַנען מיר פערזענלעך אין וועג און, אַז איך האָב אים באַדאַרפט אַרויסשיקן צו ראַטעווען מיין פּאָזיציע, מיין שטול? ס'איז לעכערלעך.

— דו מוזט אָבער וויסן: מ'טייטשט עס אויס אזוי.

— עס וועלן זיך אימער געפינען אויסטייטשערס. זיי שרעקן מיך ניט.

— דאַך איז עס אַ מאָראַלישער קלאַפּ פאַר דיר.

— פאַרוואָס ?

— ראַווילס זעלבסטמאָרד ווערט איצט אויסגעטייטשט ווי די העכסטע פאָרמע פון פּראָטעסט קעגן דיין רעזשים. עס וועט ניט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ מאַרטירערשאַפט, נאָר ווי אַן העלדנטאַט. מיט דעם זעלבסטמאָרד האָט ער באַוויזן, אַז זיין אידייע, זיין קאַמף שטייט העכער פון לעבן; אַז ער איז ניט געווען גלאַט אַ פראַזיאָר; אַז עפּעס האָט געמוזט געטאָן ווערן, אויפצואוועקן דאָס פאָלק, זיי זאָלן דערזען די ווירקלעכקייט. און אין די אויגן פון פאָלק וועט ער פאַרבלייבן אַ העלד.

— איך צווייפל. דאָס פאָלק האָט ליב סענטימענטן, דער געזונטערער כוש זיגט אבער סאָפּקאָלסאָף. וואָס עס אינטערעסירט מיך יאָ, איז דיין טאָן. דו רעדסט אַזוי, גלייך ווי דו אַליין וואָלסט אויך געווען אַן אַנהענגער פון זיינע אידייען.

— איך אַנאַליזיר גלאַט זיין געדאַנקען גאַנג און די אורזאַכן, וואָס האָבן אים געטריבן צו דעם שריט.

לאַנגזאַם ווי אַ קאַץ האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דעם דיוואַן. פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן:

— אַה .. עס עקלט...

— וואָס עקלט ?

— אַלעס... דו, און איך, און לאַראַן, און די שטימונגען, און די געדאַנקען... אַלעס...

— מאָדנע צו הערן עס פון דיר.

— איך וויים. און איך אַליין האָב אויך געטראַכט וועגן אַט דער שטימונג אַפּן וועג צו דיר. ס'איז, מיסטאָמע, דער טויט, וואָס יאָגט אָן אַזעלכע געדאַנקען.

— דער טויט ?

— יאָ, דער טויט פון אַ נאָענטן. מעגלעך, אַז ווען ראַוויל שטאַרבט ניט, וואָלטן די געדאַנקען און דער רעזיגנירנדער גייסט ניט געקומען, און עס וואָלט זיך מיר ניט געוואָלט אויסשיילן

זיך פון אט דעם, וואס איך טראג אף זיך אן זין, אז דעם סענ־
טימענט אפילע — — —

באזאן האט געקוקט אף איר פון דערווייטנס, און ס׳איז שווער
געווען צו זאגן וועגן וואס ער טראכט.
לאנגזאם איז ער צוגעגאנגען צו איר און, פארלעגענדיק די הענט
פון הינטן, ארבל אין ארבל, געמאסטן איר קערפער מיט זיין בליק.
אירע שלאנקע פיס, אונטערן פליוש, און אירע נאקעטע הענט
האבן אים גערייצט. ער האט זיך אראפגעלאזט אף דעם דיוואן
לעבן איר. געזעסן אזוי א ווײלע.
געזאגט:

— מיר דוכט, אז דיין שטימונג קומט פון דיין צושטאנד.
— וואס ווייסטו וועגן מיין צושטאנד.

ער האט לייכט אנגערירט מיט דער האנט איר בויך:

— א זון וועט עס זיין, א? א זון...

האט זי פלוצים א קרעכץ געטאן, א קריץ געטאן מיט די ציין,
ווי א פארוואונדעטע.
ער האט א קוק געטאן אף איר א דערשראקענער:

— וואס איז?

זי האט ניט געענטפערט. האט ער ווידער געפרעגט:

— וואס איז?

זי האט זיך צעלאכט מיט א מין היסטעריש־איראנישן געלעכטער
און האט זיך אויפגעהויבן:

— עס דענערווירט מיך אדי געקינצלטע סענטימענטאליטעט

די זון אין מיזראַך

און דער גאַנצער ליגן... ס'פּאַסט דיר ניט! פֿאַרשטייסט,
ס'פּאַסט דיר ניט!

א בייז געפיל האט פלוצים א ברויז געטאן אין אים. האט ער
זיך אויפגעהויבן, געקוקט אף איר א שטאלצער מיט זיין האלב
איראנישן שמייכל אף די ליפן:

— וואלט עס לאראנעז געפאסט?
— יא.
— און מיך פאסט ניט צו זיין מענטשלעך, אט אזוי פאשעט,
מיט די זעלבע געפילן, מיט די זעלבע איינגשאפטן ווי יעדער
איינער?
— דיינע געפילן קומען ניט פון דיין הארץ.
— מאדנע צו הערן דאס פון דיר.

זי האט איגנארירט זיין באמערקונג און געזאגט:

— זיי קומען פון דיין קאפ. מיינע קומען אויך זעלטן אימ־
פולסיוו. עפשער דערפאר, ווייל איך בין אן אקטריסע און איך
בין געוואוינט צו באטראכטן, צו קאנטראלירן יעדער ווארט,
יעדער זשעסט און יעדער געפיל. דיין מויאך איז דיין דיקטאטאר.
— ביזט עפשער גערעכט. מיר דוכט אבער, אז אפט פאר־
געסן מיר וועגן דעם דיקטאטאר איבער זיך.
— ניט איך.
— ועסטו צוגעבן, אז אט דער נערוועזער אויסגעשריי
דיינער איז אויך געקומען פון קאפ, א פלאנירטער, א גע־
שפילטער?
— איך האס דיך פאר דער פראגע.

ער האט זיך צעפרידן צעשמייכלט:

— אט אדער האס דיינער איז זיכער אן אימפולסיווער...
כא! ניט אימער קאנסטו צוימען געפילן מיט געדאנק.

מ. גיציס

זי האט פארמאכט די אויגן:

— אה, גענוג!... גיב מיר א סיגארעט.

ער האט געבראכט פון טיש א סיגארעט, אנגעצונדן א שוועבעלע, געשטאנען איצט לעבן איר א קאלטער און רואיקער. אליין אויך פארררויכערט.

נורא האט גערויכערט א פארטראכטע. געבלאזן גאנצע וואלקנס רויך און פלוצים א זאג געטאן:

— איך האב דיר געוואלט עפעס זאגן:
— זאג.

זי האט געשוויגן א ווײַלע:

— ניין... ניט איצט.
— עפעס וויכטיקעס?
— ווי פאר וועמען.
— עפעס וועגן לאראנען?
— וואס גאר וועגן לאראנען?
— איך האב געמיינט, עפשער איז ער געוואויר געווארן.
— וועגן וואס?
— וועגן אונדז...
— לאראן וועט זיין, מיסטאמע, דער לעצטער געוואויר צו ווערן.
— איך האב געמיינט דו האסט אים געזאגט.
— איך?! דו מיינסט עס?
— פארוואס ניט?
— דו האסט צופיל גלויבן אין אט דעם מין טאלעראנץ.
— לאראן וואלט זיכער פארשטאנען.
— יא, ער וואלט עס שוין גאר פארשטאנען. אבער, צוליב וואס זאגן?

— און פאַרוואָס ניט?

— דו ווערסט ראָמאַנטיש, זע איך.

— ניט ראָמאַנטיש, נאָר ערלעך, אויפריכטיק.

— און ווען ער וואָלט געוואויר געוואָרן, וואָס מיינסטו וואָלט געשען?

— איך ווייס ניט. עפשער וואָלסטו דעמלט געקומען וואוינען מיט מיר.

— צוליב וואָס?

— וואָס מיינסטו צוליב וואָס?

— צוליב וואָס וואוינען דאָ מיט דיר. מוזן מיר וואוינען צעזאַמען?

— מיר מוזן ניט. אָבער ווען דו וועסט האָבן דאָס קינד...

— וואָס האָסטו, אַדער לאַראַן צו טאָן מיטן קינד.

— וואָס מיינסטו?

— דאָס קינד איז מיינס. און די אַלע ערנהאַפטע, מאָראַ־לישע און עטישע האַנדלונגען און פאַנטאַזיעס דיינע, זענען פּאַשעט קאָמיש און אַפילו לעכערלעך, כאַ, כאַ! איך זאָל קומען וואוינען דאָ מיט דיר! מיר וואָלטן אין צוויי טעג דערעסן איינער דעם צווייטן ביז מאָרד. און, אין אַלגעמיין, רעדסטו ווי אַ קליינ־בירגערלעכער פויער אין וועמען עס לעבט נאָך דער אַלטער, ענגער, איינזייטיקער אייגנטימער. אַז איך בין מיט דיר געשלאָפן, מוז איך שוין איבעררייסן מיט לאַראַנען, מוז איך שוין אויס־שטאָטן מיין לעבן לויט דיינע פּלענער, מוז איך שוין ווערן דיין ווייב, און אַזוי ווייטער...

— דו האָסט עס געטאָן, ווען דו האָסט זיך פאַרבונדן מיט לאַראַנען.

— יאָ, מיט יאָרן צוריק. עס זענען שוין אָבער אַוועק אַ סאַך יאָרן און מיט די יאָרן אַ סאַך ליבהאָבער. און איך בין נאָך אַלץ בורא, און איך לעב נאָך דערווײַלע אַזוי, ווי איך וויל.

— דאָן, וואָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן. פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגן:

— וואָלט עס דיך איבערראַשט, ווען איך זאָג דיר, אַז ראַוויל איז געווען מיין געליבטער?

ער האָט פּרובירט שמייכלען און געענטפערט אַזוי רואיק, ווי נאָר מעגלעך:

— ניין, עס וואָלט מיך ניט איבערראַשט.
— איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט אַזוי ענטפערן.
— זעלבסטפאַרשטענדלעך, צווישן אַזויפיל ליבהאָבער האָט געקאָנט און עס האָט געמעגט זיין אויך ראַוויל.
— גאַנץ לאָגיש.
— איז דאָס אַלעס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט זאָגן?
— דאָס און נאָך עפּעס.
— זאָג.
— איך וועל נאָך וואַרטן.
— צו וואָס וואַרטן?
— איך ווייס ניט, און פרעג מיך ניט. עס וועט שוין קיין סעקרעט ניט בלייבן, אויב עס רייסט זיך פון מיר, וועסטו שוין פריער אָדער שפּעטער געוואויר ווערן.
— איך בין געוואוינט צו זיין געדולדיק, איבערהויפּט מיט דיר.
— דו מוזט ניט.

ער האָט גענומען שפּאַנען איבערן צימער, וואַרפנדיק יעדער ווייַלע אַ בליק אויף איר. ווידער אָפּגעשטעלט זיך לעבן איר:

— האָט ער געוואוסט וועגן אונדז?
— אַלע ווייסן, האָט ער, מיסטאָמע, אויך געוואוסט.
— ער האָט מיסטאָמע, געלאַכט פון מיר אין האַרצן.
— געלאַכט?! פאַרוואָס געלאַכט?!

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

דער טעלעפאָן האָט אָנגעהויבן קלינגען.
ער האָט געוואוסט: דאָס איז אונא אונטן.
אויפגעהויבן דאָס טרייבל:

— האַללאָ... יאָ. בעט זי צוואַרטן אַביסל.

אַ קוק געטאָן אויף נוראַן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ שמייכל, וואָס האָט סימולירט פאַרוואונדערונג און איראָניע:

— זי זאָל וואַרטן אַביסל.... ווער זי?
— מיין ברודערס פרוי.
— אַ, דיין ברודערס פרוי... קומט זי אָפט צו דיר?
— ניט זייער אָפט, אָבער זי קומט.

זי האָט גענומען אָנטאָן איר מאַנטל:

— איצט מוז איך שוין גיין, אַ?
— פאַרוואָס מוזטו? דו מוזט ניט.
— זי וואַרט דאָך.
— זי איז ניט קיין פרעמדע. זי וועט צוואַרטן.
— צוליב וואָס קומט זי צו דיר?
— צוליב וואָס? איך האָב קיינמאָל ניט צוגעגעבן קיין ספּעציפישע באַדייטונג איר קומען. מיר דוכט, זי איז צוגעבונדן צו מיר ווי אַ שוועסטער.
— אַה ... ווי אַ שוועסטער... וועגן וואָס רעדסטו, אַשטייגער, מיט איר? וועגן פּאָליטיק?
— וועגן וואָס עס קומט אויס. אַמאָל וועגן פּאָליטיק. דעם עמעס געזאָגט, טראַכט איך אָפט וועגן איר ביידן און איך פאַרגלייך אייך.
— אַה... אַזוי...
— ווען איך וואָלט געוועזן גענייגט צו סימבאָליזירן, וואָלט איך אייך ביידן פאַרגליכן...
— צו? . . .

— דיך צו מיין געוויסן, וואָס פייניקט, וואָס שניידט, ווי מיט מעסערס, וואָס לאָזט ניט צורו מיין געמיט, מיינע געדאַנקען, וואָס גיט מיר אײַן מיין אייגענעם עמעס, ווי סאַם.

— און זי ?

— ווי די רו נאָך מיינע פייניגונגען.

— אַה... מיט מיר איז פייניקונג און מיט איר איז רו. איך בין אַזוי צו זאָגן, דער טייוול, און זי דער מאַלעך. האָב איך גוט פאַרשטאַנען ?

— יאָ, דער שלום איז אָבער אַ ניט ריכטיקער און ניט גערעכטער.

— פאַרוואָס ?

— ווייל פון דיין איראָנישן טאָן פאַרשטיי איך, אַז דו מיינסט און ווילסט זאָגן, אַז דער מאַלעך איז מיר ליבערשט, ווי דער טייוול.

— ניט אַזוי ?

— ניין, ניט אַזוי. מיט איר רו איך. מיט איר וויל איך ניט טראַכטן, מיט איר וויל איך זיין פוסט, פאַרגעסן זיך, ווערן אויס דיקטאַטאָר—באַזאָן. מיט איר ווילט זיך מיר זיין בלויז — ברודער. און כאָטש ס'איז גוט אַמאָל צו בלייבן אַזוי, בלויז אין רו, איז עס אָבער ווי דער שלאָף... איך רו און עס כאַלעמט זיך אַמאָל עפּעס ; סע קרעפּטיקט מיך, ס'גיט מיר קוויאַד ווייטער אָנצוגיין. ס'וועקט אָבער ניט, ס'רופט ניט. אַט דו — וועקסט. דו רופסט, דו לאָזט ניט רוען, דו מוטשעסט מיך מיט געדאַנקען, מיט צווייפ־לונגען... כאָטש דעם, וואָס דו ביסט מיין... ווייב. ס'איז אַנדערש.

— דיין ווייב... דאָס איז גאַנץ פּרימיטיוו געזאָגט, האָסט געקאָנט זאָגן נאָך פּאַשעטער : דיין „זי".

— לאָמיר זיך ניט אַריינלאָזן צו טיף אין דעם... איך בין שוין אַזוי אויך גענוג פאַרפּלאָנטערט אין דידאַזיקע געשפּרעכן און אינטערעסן. איך טראַכט אָפט, אַז ווען מ'ווערט אינטים מיט אַ פּחוי, רייסן זיך אַריין אין לעבן אַזויפיל נייע ווערטער, נייע אויס־דרוקן, נייע אינטערעסן. איך האָב זיך קיינמאָל ניט פאַר־געשטעלט אַז איך וועל אַמאָל פירן אַזעלכע געשפּרעכן, ווי עס קומט מיר אויס צו פירן מיט דיר ; און אין אַזאַ טאָן,

און מיט אַזויפיל פאַרשידענע ניואַנסן און שטימונגען. ס'ווייזט אויס, אַז ווי גרויס, ווי אינטעלעקטועל, ווי פאַרטגעשריטן און ווי טיף דער מענטש זאָל ניט זיין פאַרטאָן אין אידייען און אין קאַמף, דערוואַכן אין אים פאַרט אַלע שוואַכקייטן, אַלע אינסטינקטן און אויסדרוקן, וועז ער קומט אין אינטימער פאַרבינדונג מיט דער פרוי. אַפילע דער קאָפּ איז ניט שטאַרק גענוג צו קאָנטראָלירן דאָס, וואָס רייסט זיך פון בלוט.

— בעדויערסט ?

— ניין, איך בעדויער ניט. איך בעדויער נאָר, וואָס דו קאָנסט עס ניט זען אין מיר.

— עס וואָלט זיך דיר, זע איך, זייער געוואָלט זיין פּרימיטיוו. ווען דו ביזט אַ פּרימיטיווער הערשער, אַ כאַן, אָדער אַ סולטאַן, וואָלסטו מיך, עפּשער געשמיסן מיט אַ בייטש.

— עפּשער.

— עס ווילט זיך מיר אָפּט ראַכמאָנעס האָבן אויף דיר און איך קאָן ניט.

— ראַכמאָנעס האָבן אויף מיר ? ! כאַ !

— אַט טאַקע דערפאַר, ווייל דו קאָנסט ניט זיין וואָס דו ווילסט. עס מוז זיין אַ גרויסע באַפרידיקונג צו שטיין אינדערמיט צווישן צוויי וועלטן ; וויסן, אַז די וועלט איז צעטיילט איבער דיר ; האַלבע וועלט פאַר דיר, האַלבע וועלט קעגן דיר, און דו אינדער־מיט, און עס ווילט זיך דיר אַנבויגן זיך צום פּרימיטיוון, און קאָנסט ניט.

— דו מאַכסט עס שוין אַביסל צו טראַגיש.

— איך אַנאַליזיר גלאַט. און מיין ניט, אַז דאָס רעדן אין מיר מיינע געפילן, — ס'איז מיין קאָפּ. און איך טראַכט וועגן דעם נאָר דערפאַר, ווייל פון דעם טראַגישן ביז דעם קאָמישן איז בלויז אַ שפּאַן. שטייסט אַן אַנגעלאָדענער מיט געדאַנקען וועגן ראַוויל, עפּשער, וועגן דעם, וואָס דאָס פאָלק פילט און זאָגט ; און איבער דעם האָב איך, נורא, — די פרוי, די „זי" פאַרוואָרפן אַ נעץ פון אַזעלכע מאָדנע געפילן און פראַזן פון וועלכע דו קאָנסט זיך ניט אויספּלאָנטערן און אין דיין אומבאַהאָלפנקייט, אין דיין פאַר־וואונדערונג, וואָס דאָ קומט פאָר און פאַרוואָס מ'קאָן דיך ניט

פארשטיין ביזטו אזוי קאַמיש. דערפאר זאג איך, אז איך וואלט געוואלט ראכמאָנעס האבן אף דיר — איך קאן אבער ניט.

— אפילע דיין מיטלייד, און דיין פארשטענדניש, און דיין פסיכאָאַנאַליזירן מיך איז אויסגעמישט מיט דיין ספּעציפיש שנייַדנדיקן סאַרקאַזם און בייזעק. דו פארגעסט גאָר אינגאַנצן, אז לעבן דיר שטייט אזא גרויסער מענטש, דער גרויסער באזאָן, וואס האט דיך באַערט מיט זיין אויפמערקזאַמקייט און ליבע.

— דאס איראָנישע איז שענער אין דיר, ווי דאס שוואַכערע, און דיין גרויסקייט זע איך ניט עפשער דערפאר, ווייל איך שטיי צו נאָענט צו דיר. פון דערוויטנס ביזטו געווען מער אומפּאַזאנט — האט מיך געצויגן צו דיר. איצט זע איך דיך אזוי נאָענט — האב איך פארלוירן דעם אַפּשיי. און אין אט דער ניכטערקייט איז עפשער מיין ענטוישונג און נידערלאַגע.

— וואס האסטו דערוואַרטעט פון מיר, וואס איך האב דיך אזוי ענטוישט ?

— וואס איך האב דערוואַרטעט... האסט זייער א גראַבע הויט אויב דו האסט עס ניט געקאַנט דערפילן ביז איצט. וואס איך האב דערוואַרטעט... כאַרכאַ! איך האב געמיינט, אז לעבן דיר וועל איך זיך דערהויבן נאָך העכער פון דיר, אז איך וועל זיך אנצינדן מיט אזעלכע געפילן און געדאנקען, וואס וועלן מיך האלטן א ברענענדיקע, א פלאַמעדיקע, ווי די זון. עס האט מיך געלאַנגווייליקט דארטן מיט לאַראנען און אפילע מיט ראווילן. דו ביזט אבער נאָך לאַנגווייליקער. איך האב געמיינט, אז אין דיין אומגעהויער גרויסער וועלט, ביזטו אויך גרויס. דו ביזט עס אבער ניט. דיין גאנץ לעבן האסטו איינגעשלאסן צווישן פיר ווענט, אין טפּיסע, אָדער דא — אלץ איינס. צווישן פיר ווענט האסטו פאַרברענט דיינע טעג און יאָרן, ארומגערינגלט מיט אַרמייער, מיט ביוראָקראַטן און מיט דיפּלאָמאַטן. און דו ביזט פארטריקנט געוואָרן. דיין גאַנצע פאַנטאַזיע האסטו אויסגעשעפּט, ווייזט אויס, אין דער יוגנט.

— האב איך עפשער באַדאַרפט באַפעלן אויפצובויען א גרויסן אמפיטעאַטער, און אוועקשטעלן דארט דיין סטאַטוע, און

ברענגען גלאַדיאַטאָרן, און אַרויסלאָזן הונגעריקע לייבן אַפֿן פּאָלק
דו זאָלסט זיך קאָנען אַמוזירן?

— אַך, איך באַוואונדער דיין פֿאַנטאַזיע.

— דו ביזט אָנגעלאָדן מיט סאַרקאַזם.

— ס'איז אַ פֿאַרלייכטערונג פֿאַר מיר אַרויסצוזאָגן וואָס איך פֿיל.

— וואָס דו טראַכסט.

— גערעכט, וואָס איך טראַכט — מיר פֿילן דאָך ניט.

— און מיט דעם האָסטו געעפֿנט אַלע קאָרטן?

— נאָך ניט אַלע.

— דו ביזט אומאויסשעפּלעך.

— איך דענק עס איז גענוג פֿאַר היינט. איך וועל איצט גיין. דו גייסט דאָך ניט צו דער פּראָצעסיע?

— ניין.

— פֿון די פֿענצטער דאַ וועסטו קאָנען אַרויסקוקן און זען ווי מ'פֿירט אים צום קרעמאַטאָריום.

ער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— דורך דעם פֿענצטער... ווי אַ טיראַן, וואָס האָט מורע פֿאַר זיין אייגענעם געוויסן, ווילסטו זאָגן.

זי האָט צענויפֿגענומען די פֿאָלעס פֿון מאַנטל אַרום זיך. געשטאַנען און געקוקט אויף אים אַ ווײַלע מיט אירע פֿאַרזשמורעטע אויגן, אַ שאָקל געטאָן לייכט מיטן קאָפּ און אַרויסגעגאַנגען.

באַזאַן איז צוגעגאַנגען צום טיש, געשטאַנען אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. אויפֿגעהויבן דאָס טרייבל פֿון טעלעפֿאָן:

— זאָגט אונאָן זי זאָל אַרויפֿקומען.

געטראַכט:

ווי פֿיינלעך ס'איז מיט איר, מיט נוראַן. ווי טיף זי קאָן באַלייַ־

דיקן, מיטן פולן באוואוסטזיין אין דער שארפקייט פון אירע אויס־דרוקן. ווי אפט עס וויל זיך אים ארויסרייסן זי פון זיך, וואו זי זיצט ווי דער געוויסן. דער איינפאל צו פארגלייכן זי צום געוויסן, איז ניט אינגאנצן ריכטיק. ווייל דער געוויסן רייסט אוף די וואונדן, אויסצעקוועטשן פון זיי די מאטעריע, וואס פארסאמט, וואס פאר־אורזאכט די גייסטיקע גאנגרענא אין זיין גאנצן וועזן; דער געוויסן האט א ציל — צו לייטערן, צו רייניקן. און זי? יא... זי שטעכט מיט די שפיזן־ווערטער אין די וואונדן. זי לייטערט אים אבער ניט. די מאטעריע בלייבט אין אים. און מיט איר אוועקגיין ברענט אין אים נאך שטארקער דאס אנגעצונדענע... און דאך איז עפעס פאראן אין איר, וואס ציט אים, און עס וויל זיך אים הערן פון איר אט אדי שארפע, שפיציקע פראזן.

אונא האט אנגעקלאפט.
אריינגעקומען. איינגעאטעמט אין זיך דעם גערוך פון פארפיום, וואס האט נאך געשוועבט אין צימער:

— עס שמעקט דא אזוי גוט. איך האב זי געזען ארויסגיין.
— דו קאנסט זי?
— זיכער קאן איך זי. איבערהויפט פון זינט...

זי האט אפגעהאקט אינמיטן. האט ער פארשטאנען, אז זי האט געוואלט זאגן: פון זינט זי קומט צו אים.

זי האט אבער פארענדיקט:

— פון זינט איך האב זי געזען אין די „בארבארן".

האט ער געפרעגט:

— ווי געפעלט זי דיר?
— זי איז אן עכטע אקטריסע.
— זי האט דיך געזען?

— יא. ווען זי האט מיך דערזען איז זי געבליבן שטיין, ווי וועלנדיק עפעס זאגן מיר, אדער אנקוקן מיך. אבער, פלוצים האט זי, ווייזט אויס, געביטן איר באשלוס און איז שנעל ארוים. ווייסט זי ווער איך בין ?

— יא, איך האב איר געזאגט.

אונא האט גענומען אויסטאן איר מאנטל :

— איך האב ניט געקאנט באשליסן צו קומען היינט.

— פארוואס ?

— עס האט זיך מיר געדוכט, אז דו וועסט דארפן גיין.

— איך וואלט עפשער בעדארפט גיין... יא...

און פלוצים א פרעג געטאן :

— וואס מאכט ארים ?

— פארנומען, ווי אימער.

— און די מאלפעס ?

זי האט געפרואווט שמייכלען :

— מענטשלען זיך.

— און דער אראנג־אוטאנג ?

— אה, האמא ? ער איז א פולקאמענער מענטש. ארים האט אים איינגעשפריצט אני מין פליסיקייט, וואס דארף פארלייכטערן די ארבעט פון א געווויסן דריז. ארים זאגט, אז אט דער דריז שאפט עס די ציוויליזאציע. ער האפט, אז האמא וועט נאך מיט דער צייט רעדן, כא־כא !

— און דו ?

— וואס איך ?

— וואס מאכסטו ?

— אה... איך העלף אים.

ער האט זיך אנידערגעזעצט, און אונא לעבן אים:

— דו גייסט ניט צו דער טרויער פראצעסיע, באזאן?
— איך גיי ניט.
— פארוואס?
— ווייל מ'וועט מיך רופן היפאקריט. און איך וועל זיין אן היפאקריט אויב איך וועל גיין.
— פארוואס?
— ווייל איך פראטעסטיר קעגן זיין זעלבסטמארד. ער פאר־דינט ניט דעם טרויער מארש. ער איז א פייגלינג.
— ניין, באזאן, ער איז ניט קיין פייגלינג.
— וואס דען איז ער?! וואס דען?!

אונא האט געענטפערט שטיל:

— ס'איז עפשער... מוט.
— מוט?!

זיין פאנים האט זיך אנגעגאסן מיט בלוט. ער האט א שטארקן קלאפ געטאן מיטן פויסט אן טיש און האט אויסגעשריגן:

— דו אויך?! מוט, זאגסטו?! מאכן א סאף צום לעבן, צום קאמף, צו אלעם — דאס הייסט מוט?! אנווארפן א שאטן אף דער ליכטיקייט, הייסט מוט?! אין וואס באשטייט זיין מוט? אין דעם וואס ער האט זיך אריינגעשאסן א קויל אין קאפ? צו עפשער אין דעם, וואס ער האט אריינגעשאסן אזא פיינע פראזע: דא וועלן מיינע ביינער בלייבן! אזעלכע פראזן זענען שיין אפן מאמענט. מ'פארגעסט זיי. קוק!

ער האט א כאפ געטאן א צייטונג פון טיש:

— קוק! „דא וועלן מיינע ביינער בלייבן"... איבער דער גאנצער לענג פון צייטונג. און דא, זעסט? דאס בין איך. איך

שטיי בײַ דער טפּיסע מיט אַ גרויסן שליסל בײַם גאַרטל, מיט דער גיטאַרע אין דער האַנט און זינג אַ סערענאַדע דער פריַיהייט, וואָס זיצט אַ בלייכע און אַ פאַרוויינטע הינטער די גראַטעס... איך! בײַזאַן! איך בין דער ראַמעאָ, וואָס זינגט אַ סערענאַדע דער פאַר־שפּאַרטער פריַיהייט! כאַ!

אונאַ האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט פאַרשטאַנען: איר וואָרט האָט אויפגעריסן דאָס זיידנדיקע, דאָס צעוויַיטיקטע, דאָס בייזע אין אים. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי בייז. ווייזט אויס סע פּייניקט, סע טוט ווי...

ער האָט זיך באַרואיקט. געבליבן שטיין לעבן איר און ארויפ־געלעגט די האַנט אויף איר אַקסל:

— ענטשולדיק, וואָס איך האָב זיך אַזוי אויפגערעגט, אונאַ. אין איעדן פון אונדז ליגט נאָך דער אוראַלטער האַמאַ, וואָס הוקט זיך שטילערהייט ארויס פון אונדז, ווען דאָס האַרץ, ווען דאָס עמאָציאָנעלע פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון קאָפּ. אויך פון מיר האָט אַ שפּרונג געטאָן דער האַמאַ, אַ קאַרעוו, עפּשער, פונם „האַמאַ", וואָס אַרים האָלט דאַרטן בײַ זיך און וויל אים מאַכן פאַר אַ האַמאַ סאַפּיענס.

— איך פאַרשטיי דיך, בײַזאַן... ס'איז מענטשלעך אויפ־גערעגט צו ווערן אַמאָל.

— מענטשלעך... כאַ! דאָס מענטשלעכע איז אין די דריַיזן. עפּשער איז אַרים גערעכט.

ער האָט ווידער גענומען ארומשפּאַנען איבערן צימער:

— און דו, אונאַ, דו גייסט ניט?
— וואוהין?
— צו דער פּראָצעסיע.
— דו ביזט דאָך ניט פאַרנומען איצט?
— ניין.
— וועל איך זיין דאָ מיט דיר.

— גוט.

ער האט זיך אנידערגעזעצט און זי האט זיך אראפגעלאזט אפן דיל בא זיינע פיס. זי האט געוואוסט, אז ער האט ליב, ווען זי זיצט אזוי.
אזוי זענען זיי געזעסן, האלטנדיק זיך בא די הענט און אפגעבנדיק זיך די נעבלדיקע געדאנקען. די שטילקייט ארום און די פאסן ליכט פון די פענצטער און די שאטנס אין די ווינקלען, אלעם ארום האט זיך אויסגעוויזן, הערט זיך צו צו זייערע געדאנקען, צו זייערע הערצער, צו זייער שווייגן. און אלעם ארום האט אויך געשוויגן און געלעבט מיט אנזעבארן לעבן.

אונא האט אויפגעהויבן איר קאפ צו באזאנען:

— איך טראכט אפט, אז ס׳וואלט גוט געווען, ווען דו וואלסט געקאנט ארויסגיין פריי צו די מענטשן, און רעדן מיט יעדן איינעם; ס׳איז אבער אוממעגלעך, איך ווייס. מענטשן וואלטן געגאנגען צו דיר טאג און נאכט מיט זייערע גרויסע און קליינע טאג־טעגלעכע זארגן, און קלאגן, און האפנונגען... מ׳וואלט דיך פארמוטשעט.
— ניט נאר דאס, אונא. ס׳איז מיין לעבן. פארוואס ניט זאגן אפן, אז איך קאן ניט זיין פריי, ווייל איך וויל ניט דער־מארדעט ווערן. מיין לעבן איז צו טייער. אזא קלייניקייט, ווי א קנאל פון א רעוואלווער, ווי א שטיקל בליי אין מיין קערפער — און אלעס קאן מיט א מאל פארוואנדלט ווערן אין שרעק, אין מארד און אין כאאס. איך היט מיין לעבן ניט דערפאר, ווייל ס׳איז מיר פערזענלעך טייער, נאר ווייל ס׳איז דער פאקטאר, דער סימבאל פון דעם, וואס מענטשן רופן מאכט און ארדנונג. און מיר דארפן עס. אן אטענטאט אף מיר וואלט סיי ווי געקאנט דורכגעפירט ווערן, ווען איך גיי אין טעאטער, און בא די פאראדן און אפילע בא די קאנגרעסן, געבן אבער אן איבעריקע געלעגנ־הייט די שווארצע קויכעס, וואס זוכן אומצעווארפן דאס אויפגע־בויטע, געבן זיי די געלעגנהייטן צו דערמארדן מיך און דער קלענסטער אנשטרענגונג און פאראנטווארטלעכקייט — דאס טאר

איך ניט. עס רופט אָבער אָפּט אַמאָל דער וואונש דיינער, און דער טייוול שטייט אָפּט אַ ליכטיקער לעבן מיר און זאָגט: אַזוי צו אַזוי — דער סאָף וועט קומען, און די קאָנסעקווענצן נאָך דיין טויט קאָנסטו דאָך סיי ווי ניט פאַרמיידן, און אין אַלמעכטיקער איז אַלוויסנדער, איז אַלזעענדער ביזטו דאָך אויך ניט — טאָ ווער ווייסט? עפּשער וואָלט די פרייהייט, ווירקלעך, באַוויזן וואונדער אַט אַזוי, דוכט זיך מיר, רעדט צו מיר דער טייוול און איך הער און שווייג דערווייל. ווער ווייסט. עפּשער וועל איך אַמאָל וואָגן, און וועל אַ זיפּץ טאָן, און וועל פאַרמאַכן די אויגן און וועל עפענען די אַרעמס פאַר דער ראַוויליסטישער פרייהייט.

— איך וואָלט געוואָלט זיין די ערשטע צו באַגריסן דיך אין דעם מאָמענט, און...

זי איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן:

— ששששש....

זי האָט זיך צוגעהערט. צוגעבויגן זיך נענטער צו דער ווייטקייט:

— ששששש....

— וואָס איז?

— איך הער די באַראַבאַנען.

— איך הער אויך.

ווי פון ווייטע ווייטן האָט זיך קוים דערטראָגן דער טרויער קלאַפּ פון די באַראַבאַנען. ריטמיש, ווי אָפּגעמאָסטן, ווי מיט לאַנגזאַמען שפּאַן האָט יעדער קלאַפּ פון די באַראַבאַנען אַריינגעדרונגען אין צימער.

....טראַם — — — טראַם — — — טראַם — — — טאַראַם ....
....טראַם — — — טראַם — — — טראַם — — — טאַראַם ....

נענטער, נענטער איז געקומען דאָס קלאַפּן. אַריינגעדרונגען אין

יעדן אייוועך, אין יעדן נערוו... דורכגענומען דורך און דורך מיט אינערלעכן ציטער...

.... טראַם — — — — טראַם — — — — טראַם — — — — טאַראַם ....
.... טראַם — — — — טראַם — — — — טראַם — — — — טאַראַם ....

באַזאַן האָט צעזאַמענגעדריקט די ליפּן. אַ טונקעלע ערנסטקייט איז געלעגן אויף זיין פּנים. עס האָט זיך אים געוואָלט פאַרשטעקן די אויערן און ניט הערן. עס האָט זיך אים געוואָלט מיט ווערטער פאַרטרייבן דאָס שלאָגן פון די באַראַבאַנען. איז אים אָבער גאָרניט געקומען אויף דעם געדאַנק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן אַ פראַזע:

— מאַמענטאָ מאָרי... אָט דאָס דוכט זיך, קלאַפּן אויס די באַראַבאַנען און דערמאַנען... מאַמענטאָ מאָרי...

אונאַ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויפצושטיין, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט:

— גיי ניט.
— ניין?
— ניין. פון דידאָזיקע פענצטער דאַרף קיינער ניט אַרויסקוקן.

דאָס קלאַפּן פון די באַראַבאַנען איז געוואָרן דייטלעכער. עס האָט זיך אַריינגעריסן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווי דער טראָט פון טויזנטער גיגאַנטן...

.... טראַם — — — — טראַם — — — — טראַם — — — — טאַראַם ....
.... טראַם — — — — טראַם — — — — טראַם — — — — טאַראַם ....

באַזאַן האָט זיך מיט ביידע הענט קאָנוואולסיוו אַ כאַפּ געטאָן בײַ די זייטלעך פון שטול:

די זון אין מיזראַד

— אונגאַ...
— יאַ...
— גיי לאָז אַראָפּ די שטאָרן.

זי איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו די פענצטער און אַראָפּגעלאָזט די שטאָרן. צוריקגעגאַנגען און ווידער אַנידערגעזעצט זיך בײַ זײַנע פיס. אין צימער איז געוואָרן טונקל, נאָר דורך די שפּאַרינעס האָבן זיך געריסן שטראַלן ליכט און געלעגט זיך אויף דעם דיל וויברירנדע, ציטערדיקע...

ס'איז פּלוצים געוואָרן שטיל, און פון דער שטילקייט האָבן זיך גענומען ציען טענער פון שאָפּענס טרויער מאַרש. פאַרבײַ, פאַרבײַ האָבן זיי געשוועבט ווי מיט שוואַרצע טרויער פליגל אין דער לופט...
שטילער, שטילער...
ווייטער, ווייטער...
שטיל.

און ווידער:

.... טראַם — — — טראַם — — — טראַם — — — טאַראַם ....
.... טראַם — — — טראַם — — — טראַם — — — טאַראַם ....

ווייטער... שטילער...

אונגאַ האָט אײַנגעגראָבן איר פּנים אין באָזאַנס קני און שטיל געוויינט.

. . . .
. . . .

VI

אונדזער ערד און אונדזער זון זענען שכיינעם אין דעם שטערן קיבוץ, וואס הייסט מילכוועג.
פון דער זון ביז דער ערד איז ארום הונדערט און פופציק מיליאן קילאמעטער.
פון פלאנעט פלוטא צו דער ערד איז זעקס מיליארד קילאמעטר.

די וועלט באשטייט פון ביליאנען שטערן אינזלען.

דער מילכוועג, וואס איז נאר איינער פון די וועלט אינזלען, ענטהאלט ארום פיר הונדערט מיליארד אזעלכע שטערן ווי אונדזער זון.

דער מילכוועג אליין — — פיר הונדערט מיליארד זונען.

די אינזלען זענען ווייט איינער פון דעם צווייטן אף צוויי מיליאן ליכט יאר.
א שטראל לויפט מיט דער שנעלקייט פון דריי הונדערט קילאמעטר א סעקונדע.

וויפיל סעקונדן איז אין צוויי מיליאן ליכט יאר ?
ווי ווייט זענען די אינזלען איינער פון צווייטן ?
. . . .
. . . .

איז דען פאראן אזא קראפט, וואס זאל קאנען באנעמען דעם וועלט רוים ? זענען דען פאראן אזעלכע ווערטער וואס זאלן קאנען א

די זון אין מיזראַד

שלעפּ טאָן די פאַנטאַזיע אַ בליק צו טאָן אין דער אומענדלעכקייט ?

מענטש אַף דעם זאַמדעלע ערד ! ...
אַף דעם זאַמדעלע אַרום וועלכן אַ ליכט שטראַל אָדער אַ ראַדיאָ
כוואַליע מאַכן זייער רייזע אין אַ זיבעטל פון אַ סעקונדע ...
מענטש מיט די רעוואָלוציעס, מיט די מילכאָמעס, מיט די טראַ־
געדיעס און קאָנפליקטן, מיט דער קינע און סינע, מיט די שטרע־
בונגען, כאַלוימעס און פאַנטאַזיעס, מיט דעם וואונק לעבן — —
פאַרגלייך !

טראַכט מען אָבער ניט, און מ׳פאַרגלייכט ניט.
פאַר מיליאָנען מיקראָבן איז אַ טראָפּן וואַסער די אוניווערס.

. . . .

אַלעם האָט אַן אורזאַך.
אַלעם האָט אַ געזעץ.

פון דער גרויסער גאַלאַקטיק מיט אירע פיר הונדערט מיליאַרד
זונען ביז ... דעם פאַלן פון אַ שטויבעלע.
אַלעם האָט אַ געזעץ.
פון דעם שימערירן פון מיליאַרדן שטערן, ביז דעם קוואַקען פון
אַ זשאַבע — — — —
אַלעם האָט אַ געזעץ.

פאַרוואָס אַזוי און ניט אַנדערש ?
דאָס געהער, מיסטאָמע, צו דער זעלבער מיסטעריע, צו וועלכער
עס געהערט דאָס שימערירן פון די שטערן, דאָס קוואַקען פון דער
זשאַבע, דאָס געבורט פון מאַטעריע.

ס׳איז אַזוי און ניט אַנדערש — — — — —
ווייל ס׳איז געפלאָכטן זין מיט צופאַל,
סטיכיע מיט ווילן,
אינסטינקט מיט ווסן,
האַס מיט ליבע,

מ. גיציס

פאררעט מיט אפפער . . .
ס׳איז אזוי און ניט אנדערש — — — — — —

. . . .
. . . .

עס האט פאסירט, אז באזאן האט פארנומען דעם שטול, דעם אויבנאן און איז געווארן דער דיקטאטאר אין א קאמונאלער גע־זעלשאפט. ס׳האט פאסירט אזוי און ניט אנדערש.

באזאן:
ער האט געקוקט מיט טויזנטער אויגן, געהערט מיט טויזנ־טער אויערן, פלאנירט מיט טויזנטער מויכעס, געארבעט מיט טויזנטער הענט. פון דער שטילקייט פון זיין קאבינעט האט ער געשיקט דאס ווארט:
ארבעט!

ראוויל:
זיין ווארט איז געווען ווי אן אנגעצונדענע פליענדיקע פייל. א פייל געשיקט אהינצו, וואו די געדאנקען זענען געלעגן ווי טרו־קענע שפענער.

לאראן:
נאך אלץ געפלאטערט מיט יוגנטלעכע סענטימענטן; נאך אלץ געוואלט זיין און פארבלייבן דער טרובאדור פון פאלק.

ספאק:
זיין ווארט איז געווען צו שווער, און די אילוזיאנערישע פליגל צו שוואך, אויפצוהויבן אים איבער די קעפ פון פאלק. זיין מויאד האט קאלקולירט, פלאנירט, געהאט טויזנטער אריינגאנגען און טויזנטער ארויסגאנגען; און יעדער געדאנק האט שוין אין פאר־אויס געוואוסט, וואוהין אריין און וואוהין ארויס; געוואוסט יעדן וואונק פון וואנען מ׳קאן אומבאמערקטערהייט אנפאלן און אריינ־

די זון אין מיזראַך

שטעכן אַ מעסער אין דער פּלייצע פון דעם סוינע. דורך דעמדראַזיקן לאַבירינט האָט ער דערגרייכט צום צענטראַט.
ער האָט קאַלקולירט: ער וועט זיך איצט דראַפּירן אין דער פלאַמעדיקער טאָגע פון ראַווילן. ראַוויל איז טויט — עס לעבט דער ראַוויליזם. פון צענטראַט ביז באַזאַנס שטול איז בלויז אַ שפּאַן.

באַזאַן האָט קאָפּ און ווילן — אין דעם איז מאַכט.
לאַראַן האָט אַ האַרץ און עמאַציעס — זיי פאַרראַטן אים.
און ער, ספּאַק, האָט אַמביציע — זי פירט אים.

פרייהייט! עס איז די שיף מיט רויטע, ווייסע און שוואַרצע זעגלען, וואָס אַ גוטער קאַפּיטאַן פירט אין שטורמדיקע וואַסערן צום אינזל, וואו עס וואַרט רום.

. . . .

. . . .

היינט אין אָונט דאַרף געבוירן ווערן דער נייער טריאומוויראַט.
דער טריאומוויראַט פון ספּאַק, לאַראַן און נאַרדי.

די גרויע ווענט און הויכע פענצטער זענען פאַרהאַנגען מיט שווערע פּליושענע פּאָרטיערן. דער לאַנגער טיש איז באַדעקט מיט אַ זילבער־גרויען צודעק, וואָס דערגרייכט ביזן דיל. אויפן טיש אין איינאון־איינציקער אָנגעצונדענער קאַנדעליאַבר. שטולן אַרום, מיט זילבער־גרוי באַדעקט.
ס'איז האַלב טונקל.

זיי זענען אַלע דאָ:

נאַרדי:
ער פאַרשטייט די גאַנצע שפּיל און מאַכט זיך ניט ווויסנדיק. ער איז געגן דיקטאַטור, און ס'איז אים איצט אַלץ איינס ווי אַזוי דער סאָף וועט קומען. דער דיקטאַטאָר מוז פאַלן.

רענארד.
הער גענעראל, וואס דענקט, אז ניט בענקע נאר ער האט בעדארפט פארנעמען דעם ישטול אין צענטראט. איז ער קעגן פאוואריטיזם און דאריבער — קעגן דיקטאטור.

מערקוש.
אן אלטער פראפעסאר. געדענקט נאך די גלאריע פון אריסטאקראַ־טישן ליבעראליזם. זיין קרעדא: פרייער ווילן, פרייע עוואלוציע פון מענטשלעכן גייסט צו א רעליגיעז־סאציאלער געזעלשאפט.

נאזארא.
רעדאקטאר פון „ליבעראטאר".

זאלאט.
א יונגער אפיצער. א ראוויליסט. דערנענטערט פון ספאקן. מיט זיינע ברענענדיקע אויגן אפן שווארצן, אויסגעצערטן פאנים מאכט ער דעם איינדרוק פון א פאנאטיקער, פון א מאניאק.

. . . .
. . . .

פראפעסאר מערקוש איז געשטאנען מיט אן אראפגעלאזטן קאפ און לאנגזאם געקליבן ווערטער צו פארמולירן זיינע געדאנקען:

— ... מיט טיפן גלויבן, מיט טיפער איבערצייגונג אין דער גערעכטיקייט. מיין גרויער קאפ און די קנייטשן אף מיין פאנים זענען איידעס, אז מיין לעבן איז שוין באם ראנד, אז מיין וועג איז שוין אדורכגעגאנגענער און מיין ארבעט א פארענדיקטע. אבער, איידער איך שפאן אריבער דעם ראנד, וויל איך נאך אונ־טערשטעלן אויך מיינע פלייצעס און א טרייסל טאן די מעכטיקע דיקטאטור. מיינע פריינט, דאס יארהונדערט פון דיקטאטור מוז קומען צו אן ענדע... ס'איז שוין שווער צו הערקאנען, מיינע פריינט, צו איז ער א רעוואלוציאנער, צו איז ער א הענקער —

דער דיקטאטאר, וואס דראפירט זיך אין רויטן. איך האב ניט מוירע פאר אזעלכע שטארקע ווערטער. איך האב ניט מוירע... ראוויל האט ניט אומזיסט אוועקגעגעבן זיין לעבן. ערגעץ איז פאראן דער שטארקער, אומדערשראקענער גייסט, וואס פירט, וואס מאנט, וואס לאזט ניט די מענטשלעכע אידעאלן אויפגעפרעסן ווערן פון גייסטיקע קאניבאלן. הייליקע, מענטשלעכע, מאראלישע און גערעכטע צילן דארפן און מוזן דורכגעפירט ווערן מיט מענטשלעכע און גערעכטע מיטלען. מיר זענען דא ניט אומזיסט: איך וויל עס ניט אנרופן פארשווערונג, איך וויל עס אנרופן כוויו. כוויו צו זיך, און כוויו צו דער געזעלשאפט. אבער אויב דער כוויו וועט מוזן פארוואנדלט ווערן אין א פארשווערונג, וועל איך אויך ניט אפטרעטן.

ספאק האט געענטפערט ערנסט:

— ס'איז ווייט פון א פארשווערונג, פראפעסאר מערקוש, ס'איז ווייט. ס'איז רעוואלוציע. איך און נארדי זענען דערוויילע די איינציקע אין צענטראט, אנצעפירן דעם קאמף, וואס ראוויל האט אנגעהויבן. הינטער אונדז שטייען אבער מיליאנען. לאמיר ניט פארשלייערן דעם קאמף אין אבסטראקציעס און אין פראזן. ס'איז קאמף קעגן דיקטאטור. ניט קיין פערזענלעכע סינע און ניט אמביציעזע מאטיוון פירן אונדז. אין מיין מיטארבעטערשאפט מיט באזאנען האב איך געהאט די געלעגנהייט אריינצודרינגען אין זיין דיקטאטארישן קאמפלעקס. איך האב געזען די הויכקייטן, איך האב אבער אויך געזען די אפגרונטן. באזאן האט געזען, אז איך דרינג אריין צו טיף אין זיין נעשאמע, האט ער זיך דערשראקן פאר מיר, ער האט געצוואונגען דעם צענטראט צוריק צו רופן מיך. דאס האט אבער נאר צום איבעריקן באוויזן, אז ער וויל זיך ארומרינגלען מיט געטרייע מענטשן, וועמעס ציל עס איז צו שטיצן מאכט, אום צו האבן מאכט. מיר זענען דא פינף און און לאראן איז אויך מיט אונדז. מיינע פריינט, די אײנהרעדעניש, אז רעוואלוציעס ווערן געמאכט פון פאלק, איז א פוסטע פראזע. רעוואלוציעס ווערן געמאכט פון די אנפירער. פארכאפן מיר דעם

צענטר, וועט זיך דאס לאנד באַוועגן לויט אונדזער ווילן. גענעראַל רענאַרד (ער האָט אַנגעוויזן אויף רענאַרדן) איז מיט אונדז. און מיר ווייסן זיין מוט און זיינע פעיאיקייטן, און מיר ווייסן אויך ווי באַליבט ער איז אין דער אַרמיי. מיר מעגן זיך שטיצן אויף אים און אויף אַזעלכע גלענצנדע אָפיצערן ווי זאַלאַט. (ער האָט אַנגעוויזן אויף זאַלאַטן) מיר האָבן אַלע שאַנסן צו געווינען.

ווען ספאַק האָט פאַרענדיקט, האָט זיך מערקוש געווענדט צו נאַזאַראַן:

— וואָס זאָגט איר נאַזאַראַ?

נאַזאַראַ האָט אַ גלעט געטאָן זיין גרויסן גלאַטן פּליך און געענט־פערט געלאַסן און רואיק:

— מיינע פריינט... יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט לאָז איך הערן מיין שטים דורך דעם „ליבעראַטאָר". דער „ליבעראַ־טאָר" איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט אַרויסצוקומען אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער פאַרשקלאַפונג, קעגן דער פאַראַליזאַציע פון דעם סענסעטיווסטן נערוו, וואָס הייסט פּרעסע. יאָרנלאַנג האָט זיך די פּרעסע געמוזט דערנערן מיט אַ דיעטע, וואָס איז איר צוגעשריבן געוואָרן פון די הערשנדע פירער. די דיעטע איז אָבער הערעסן געוואָרן. די פּרעסע איז געוואָרן ראַכיטיש, זי איז געוואָרן אַנעמיש; זי האָט קוים פּאָל־סירט און קוים געאָטעמט. און די אורזאַך איז די דיקטאַטור. דורך דעם „ליבעראַטאָר" האָבן מיר באַפרייט דאָס וואָרט, און דורך דעם „ליבעראַטאָר" וועלן מיר נעמען איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער. ביז צום פינאַל. דער פינאַל מוז זיין דער פולשטענדי־קער זיג פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער קאָמונע. צום סאָף מוז איך זאָגן, אַז כאָטש דעם וואָרט, וויס איך נאָך ניט דערוויילע פון אַנדערע קאָנקרעטע מיטלען ווי אַנצעגרייפן די דיקטאַטור. אויב איר האָט פּלענער, וועלן מיר זיי, מיסטאָמע, אויפנעמען, ווי מיר האָבן אויפגענומען אַלע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען פון פאָלק.

ספּאַק האָט צווייִדייטיק געשמייכלט. עס האָט בעדאַרפט הייסן, אַז ער איז צופרידן מיט נאַזאַראָס ווערטער, געטראַכט האָט ער אָבער, אַז נאַזאַרא האָט דאָך אינזינען געהאַט צו באַגרעניצן זיין טעטיקייט בלויז דורך דעם „ליבעראַטאָר" און אַף אַזויפיל, פאַר־שטייט זיך, אַף וויפל עס וועט זיך אים לוינען צו דינען די שטרע־בונגען... פון פאָלק, מיינענדיק די נייע פירער פון די ראַוויליסטן.

פּראָפעסאָר מערקוש האָט אַרומגעשפּאַנט. ער איז געווען נערוועז און אומגעדולדיק. א פרעג געטאָן:

— און פאַרוואָס איז לאַראַן נאָך ניטאָ ?

נאַרדי האָט א שמייכל געטאָן:

— פאַרלוירן עפּשער דעם מוט.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט טריט און לאַראַן איז אַריינגעקומען. געבליבן שטיין באַם אַריינגאַנג, די פינגער פאַר־שטעקט צווישן די קנעפּלעך פון זיין ראָק. געשמייכלט צופרידן:

— בירגער, איך ברייננ אייך גוטע נייעס.

אַלע האָבן זיך א ריר געטאָן, און ספּאַק האָט געפרעגט:

— גוטע נייעס ?

לאַראַן איז צוגעקומען נענטער:

— יאָ, גוטע נייעס. עס איז נאָך ניט אָפיציעל, אָבער אין אַפּאָר טעג אַרום וועט עס ווערן. פאַר מיר איז עס, פאַקטיש, קימאַט אָפיציעל.

ספּאַק האָט אים צוגעאײַלט:

— אַלזאָ ?

לאַראַן איז געוואָרן ערנסט:

— מײַנע פרײַנט, מיר שטייען אױף דער שוועל פון וויכטיקע געשעענישן.

נאַזאַרא א דענערוואָרטער:

— אָך, לאַראַן, לאַראַן!... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געוואוינט צו שנעלער און קורצער אינפאָרמאַציע... רעדט!

לאַראַן האָט זיך ניט געאײַלט:

— איך בין אינפאָרמירט, אַז באַזאַן וועט די טעג פאַרופן דעם צענטראַט פאַרצעשלאָגן די ראַדיקאַלסטע רעפאָרמען. עס איז מעגלעך, אַז אַלע פאָדערונגען, וואָס די ראָוויליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט, וועלן נאָכגעגעבן ווערן. און דאָס איז נאָך ניט אַלעס... ער גרייט זיך אויפצוגעבן דעם שטול, די דיקטאַטאָר־שאַפט און...

ספּאַק האָט אים איבערגעשלאָגן:

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס ?

לאַראַן האָט אַ ווײַלע געטראַכט:

— די אינפאָרמאַציע איז פון פאַרטרויענספולע קוואַלן.

רענאַרד האָט אַ וואונק געטאָן צו נאַרדין, שמייכלענדיק ציניש: “Cherchez LaFemme”

און ספּאַק האָט אַ פרעג געטאָן:

— האט עס אייך, עפשער... נורא געזאגט ?
— וואס אינסינואירט איר ?
— אה, גארניט... גלאט נייגעריק צו וויסן.

לאראן האט א בליכער פארביסן די ליפן, אבער גלייך האט ער זיך בארואיקט און געווענדט זיך צו די איבעריקע :

— פון וואנען די נייעס שטאמט... דאס געהערט צו מיינע פערזענלעכע אנגעלעגנהייטן. די טעג וועט זיך די סיטואציע אויסקריסטאליזירן און מיר וועלן זיך ניט נויטיקן מער אין אט אדי קאנספיראטיווע זיצונגען.

די מוסקולן אף ספאקס פאנים האבן א ציטער געטאן :

— איר זענט זייער קורצזיכטיק, לאראן.
— מיינענדיק ? . . .

ספאק האט ניט געענטפערט. אזאג געטאן צו די איבעריקע :

— אלזא... לאראן האט אונדז געבראכט נייעס פון קוואלן, ווי עס ווייזט אויס, זייער נאענטע צו אים. די דיקטאטור, לויט זיין מיינונג, איז גרייט אויפצעלייזן זיך. וואויל איז צו דידאזיקע וואס גלויבן. איך פערזענלעך, גלויב נאך ניט. אויב, אבער, איר גלויבט, אז ס'וואלט געווען ראטזאם אויסצעווארטן מיט אונדזערע באראטונגען ביז די קלאנגען און די גוטע נייעס וועט פעסט. שטעלט ווערן, בין איך גרייט צו ווארטן.

נאזארא :

— אויב לאראן פארזיכערט אונדז, אז די נייעס קומט פון זיכערע קוואלן, זע איך ניט איין פארוואס מיר זאלן ניט גלויבן.

ספאק האט זיך קוים קאנטראלירט. ווי אומגלויבלעך עס האט

געקלונגענ, איז עס אבער פארט מעגלעך געווענ. האט דאך באזאנ אים אליין געזאגט, אז ער איז מיד פונ שטארקייט. דאס וואלט צעשטערט אלע זיינע אספיראציעס. ערגעץ אינ מויאר האבנ זיך שוין אבער געטראגנ געדאנקענ... בליציקע, בלוטיקע...
געזאגט האט ער:

— עס וואלט זיך דאך געוואלט וויסנ פונ וואנענ די נייעס שטאמט.

און נאזארא איז צוגעשטאנענ:

— לאראנ, אנטפלעקט פאר אונדז די געהיימנים, א? ס'איז גוטע נייעס פאר דעם „ליבעראטאר".

ספאק האט בייז א קוק געטאנ אפ נאזאראנ:

— פאר דעם „ליבעראטאר"?! זענט איר באם פולנ פאר־שטאנד, נאזארא? אזעלכע סענסאציעס וועדנ ניט פארעפנטלעכט ביז זיי זענענ ניט פעסטגעשטעלט. כא! איר גלויבט צופיל אינ נסים, מיינע פריינט. אויב באזאנ האט יא עפעס אינזינענ צו־צעווארפנ, איז עס ניט די דיקטאטארשאפט. איר וועט זיינ זייער ענטוישט, בירגער. לאראנ איז א פאנטאזיאר, גלויבט ער.

לאראנ האט א שמייכל געטאנ:

— אלע דיכטער זענענ פאנטאזיארנ, ספאק. דאס, וואס מיר פאנטאזירנ אויס, ווערט פארווירקלעכט פונ אזעלכע אינזשינערנ ווי באזאנ. און איצט, בירגער, אויב איר וועט דערלויבנ, וועל איך גייננ.

נאזארא האט אים אנגענומענ באם ארעם:

— איך גיי אויך מיט אייך, לאראנ.

די זון אין מיזראך

זיי האבן זיך געזעגנט מיט די איבעריקע און זענען אוועקגעגאנגען.

רענארד האט צעפירט מיט די הענט:

— אלזא, ספאק, מיר מוזן הערוויילע... הא? וואס זאגט איר, נארדי?

נארדי האט געקוקט אף ספאקן, ווי ווארטנדיק וואס ער וועט זאגן. ספאק האט אבער גארניט געזאגט. האט ער א קוועטש געטאן מיט די אקסלען און גענומען זיין הוט:

— עס וואלט געווען נאריש צו רייסן זיך אין אפענע טירן. מיר האבן אזוי לאנג געווארט, וועלן מיר ווארטן נאך א ווײַלע. נאך אלעמען, מוז עס דאך דורכגיין דורך דעם צענטראט. און אויב ס'איז עמעס, וועלן מיר דאך זיין די ערשטע אינפארמירט צו ווערן. אלזא, מיר וועלן איצט גיין.

מערקוש האט אויך גענומען זיין הוט:

— ספאק, איר וועט מיר לאזן וויסן אויב איר וועט האבן עפעס נייעס.

— זיכער, פראפעסאר.

מערקוש, נארדי און רענארד זענען אויך אוועקגעגאנגען. אויך זאלאט האט זיך געגרייט אוועקצוגיין.

ספאק האט אים אפגעשטעלט:

— ווארט, זאלאט.

זאלאט האט געקוקט אף ספאקן, ווי עס קוקט א געטרייער הונט אף זיין באלעבאס, ווען ער פילט, אז ער איז אויפגערעגט.

ספאק האט ניט געקוקט אף אים:

— וואס זאגט איר וועגן דעם, זאלאט ?
— איך האב ווייניק צוטרוי צו באזאנס אויפריכטיקייט.
— איר זענט גערעכט, זאלאט. עס גלויבט זיך מיר ניט עפעס.
און ניט נאר עס גלויבט זיך מיר ניט — עס ליגט דא ערגעץ א שפיצל באגראבן און אפילע א געפאר. איר פארשטייט, זאלאט. באזאן איז ניט דער מענטש, וואס לאזט זיך פארנארן פון סענטי־מענטן. און די גאנצע געשיכטע קלינגט אומגלויבלעך. טיראנען טרעטן ניט אפ דעם טראן פאר ליבע צו דער מענטשהייט. און עס גלויבט זיך ניט, אז באזאן זאל האבן פלוצים געקראגן געוויסן־ביסע נאך ראווילס טויט. זאלאט, מערקט, וואס איך זאג אייך. באזאן האט זיך דערשראקן. ער זוכט צו רעאבילִיטירן זיין פאר־רעטערישקייט און ער וויל זי נאך מער פארטיפן, אדאפטירנדיק און דורכפירנדיק אייניקע פון די רעפארמען פאר וועלכע ראוויל האט געקעמפט.

ער איז אנטשוויגן געווארן אף א ווײַלע און פארענדיקט:

— איר זענט א יונגער אפיצער, זאלאט. און איך טאר עפשער ניט פארפלאנצן אין אייך אט אדי רעבעלנדיקע געדאנקען.

זאלאט האט אויפגעהויבן שטאלץ זיין קאפ:

— די געדאנקען ווארצלען אין מיר שוין לאנג. איך בין א ראוויליסט. איך וואלט דער ערשטער געווען אין אויפשטאנד.
— אין אויפשטאנד איז יעדער איינער א העלד.

זאלאט האט נאך שטאלצער אויפגעהויבן זיין קאפ:

— איך מיינט דאך ניט...

ספאק האט אים איבערגעשלאגן:

— איך מיין גארניט. עס איז גלאט געדאנקען און אימ־

פּרעסיעס. איר זענט אַן אָפּיצער און אייך דערוואַרט אַ גלענ־צענדע צוקונפֿט. צו ס'איז אונטער דער דיקטאַטור פֿון באַזאַנען, צו אין דער פֿרייער דעמאָקראַטישער קאָמונע. איך האָב דערקאַנט אין אייך דעם געבוירענעם רעבעל, דעם יוגנטלעכן גייסט, וואָס איז פֿייאיק אַף גרויסע טאַטן, — האָב איך אייך דערנענטערט צו זיך און צו ראַווילן. אין אייער עלטער ווערט אויסגעפֿורמט און הויפּטזעכלעך, אויסגעפּרובירט דער כאַראַקטער פֿון אַ קעמפּער, פֿון אַ העלד. מ'דאַרף נאָר האָבן... מוט. מיר דוכט, איר האָט עס.

— איך דאַנק אייך פֿאַר אייער מיינונג.

— זאַלאַט, איך האָב צוטרוי צו אייך, הערפֿאַר רעד איך אַזוי אָפֿנהערציק.

א ווײַלע האָבן זיי געשוויגן.

קוקנדיק אַף זאַלאַטן, האָט ספּאַק געזאָגט שטיל, צײַלנדיק די ווערטער:

— זאַלאַט, אויב ס'איז עמעס, אַז באַזאַן גרייט זיך צו פּראָ־וואָצירן די דעמאָקראַטיע און מיט דעם געווינען די סימפּאַטיעס און צוטרוי פֿון פֿאָלק — טאָר מען עס ניט דערלאָזן.

— איך דענק אויך אַזוי. אָבער וואָס וואָלט איר...

ספּאַק האָט אים ווידער ניט געלאָזט דערערדן:

— אין דעם פֿאַל קאָן איך אייך קיין קאָנקרעטע דערעקטיוון ניט געבן. איר דאַרפֿט אַליין, אַף אייער אייגענער פֿאַראַנטוואָרט־לעכקייט און מיט אייער אייגענעם רעוואָלוציאָנערן געוויסן נעמען די איניציאַטיווע אין אייערע הענט. אין נאָמען פֿון די ראַוויליסטן.

— איך פֿאַרשטיי.

— ענטשלאָסן, ווײַל די געלעגנהייט רופֿט.

— יאָ.

— אַליין, אָדער מיט דער מיליטערישער גרופּע, וואָס איר האָט אָרגאַניזירט?

— יא.

— זאָל אייך ניט שרעקן דער עקסטרעם.

— איר מיינט...

— איך מיין גאָרניט. איך וויל, עפשער, נאָר אויספּרובירן אייער רעוואָלוציאָנערן מוט. איך אַגיטיר אייך ניט, און איך שטופּ אייך ניט צום טאָט. און איר מוזט ניט נעמען מיינע ווערטער ערנסט, אויב איר אליין האָט ניט אייער אייגענע באַציאונג, אויב איר אליין פילט ניט דעם דראַנג צו ליזן די סיטואַציע אין די אינטערעסן פון פאָלק. ס'איז ניט מער ווי אַ געשפּרעך אַזאַ. מיר דוכט, ראַוויל וואָלט אייך געזאָגט דאָס זעלבע.

— איך פאַרשטיי.

ספּאַק האָט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט, האָט ער זי גענומען. דערפילט זיין האַרטן, ביינערדיקן דריק און געזען דעם אומבאַ־וועגלעכן גרינעם בליק אין זיינע אויגן.

מיט אַ שנעלער, נערוועזער באַוועגונג האָט זאַלאַט אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און געלאָזט זיך צו דער טיר.
באַ דער שוועל איז ער געבליבן שטיין:

— סאַלוט!

ספּאַק האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, ווי וועלנדיק מיט דעם זשעסט דערמאָנען:

— ראַוויל איז טויט.

זאַלאַט האָט מיט אַ פאַנאַטישן פייער אין די אויגן אָפּגעענטפערט:

— עס לעבן די ראַוויליסטן.

VII

טראַגעדיעס הויבן זיך אַן צווישן פיר ווענט.

. . . .

. . . .

די זון גייט אַף אין מיזראַד.
באַזאַן זעט אין בלויען מיזרעוו דעם אַפּשיין. ער טראַכט וועגן דעם און מאַכט א פאַרגלייך: די זון אין מיזראַד וואַרפט איר שיין אַף מיזרעוו. זיין לאַנד . . . זיינע ווערטער . . . זיינע טאַטן . . . — דער אַפּשיין, וואָס זיי וועלן וואַרפן אַף אַנדערע לענדער.
די זו גייט אַף אין מיזראַד.

מ׳האָט באַשלאָסן, אַז פון דאַנען, פון דעם באַלקאָן זאָל זיך צע־טראָגן זיין וואָרט, די בסורע וועגן פרייהייט.
און נעכטן אָוונט האָבן שוין אַלע ראַדיאָ סטאַנציעס און אַלע צייטונגען געלאָזט וויסן וועגן דעם.
היינט הערט ער שוין בעגייסטערטע אויסגעשרייען.
היינט הערט ער שוין יווּוולען:
באַזאַן! זאָל לעבן באַזאַן!!!

ס׳איז פרי. ער איז שוין אָבער וואַך. אין אַפּאָר שטונדן אַרום וועט זיך אָנהויבן די צערעמאָניע. ער וויל ניט טראַכטן. ער וועט ווידערהאָלן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אין צענטראַט. ער וועט עס אָבער זאָגן פּאַשעטער. ער וועט עס זאָגן אַזוי, אַז יעדער קינד, וואָס וועט זיך צוהערן, זאָל פאַרשטיין, אַז מיט דעם טאָג פאַנגט זיך אָן א נייע ערע.

מ. גיציס

זיי וועלן אלע קומען אהער.
דאס פאלק וועט קומען.
דער צענטראט וועט קומען.
לאראן וועט קומען.
אונא וועט קומען:
און נורא . . .

דאס לאנד וועט היינט ווערן פריי, וויל ער אויך זיין פריי. ער ווייסט ניט ווער ס'וועט היינט זיין דער ערשטער; ווער ס'וועט זיין דער ערשטער צו עפענען די טיר און אריינקומען א פאר־וואונדערטער, וואס דער וועג צו אים איז אזא אפענער, אזא פרייער. ער האט אוועקגעשיקט די וועכטער. פון היינט אן וויל ער ניט קיין וועכטער. יעדער איינער, וואס דארף אים, קאן קומען.

ס'וואלט גוט געווען, ווען אונא קומט די ערשטע.
זי האט אים נאך פון לאנג געזאגט, אז זי וויל זיין די ערשטע צו באגריסן אים אין דעם טאג, ווען דער וועג צו אים וועט ווערן א פרייער.
היינט איז דער טאג.

אך, אונא, אונא . . .
זי האט אים אזוי דערמוטיקט צו דעם. און איצט בייזערט זיך עמעצער אין אים, און פאדערט עפעס, און ווארנט...

און נורא ?
ווען ער האט איך אין א מאמענט פון אפנהערציקייט פארטרויט, וואס ער גרייט זיך צו טאן, האט זי א קוק געטאן אף אים מיט אירע פארזשמורעטע אויגן און האט געזאגט:
— דו ווילסט ווערן דער גרעסטער אקטיאר אין דער וועלט, און מיט דיין פאנטאזיע איבערשטייגן ראווילן . . .

. . . .
. . . .

ער האָט דערהערט טריט בײַ דער טיר.
עמיצער איז געבליבן שטיין. מיט שרעק, עפּשער; מיט אַ פֿאַרגע־
פֿיל, עפּשער; מיט מוירע אַנצעקלאַפּן אין דער טיר, עפּשער...

טוק־טוק־טוק — — —

דאָס האַרץ זײַנס האָט געענטפֿערט: טוק־טוק־טוק — — —
ס'איז דער ערשטער גרוס פֿון פֿרײַהײַט.

— ביטע.

אונאַ האָט געעפֿנט די טיר. אין אירע ברייט צעעפֿנטע אויגן האָבן
געשײַנט טראָפּנס טוי. מיט קוים אײַנגעהאַלטענעם געוויין און
שלוכץ, אין וועלכן עס האָט געפּליסטערט און געקוועלט די פֿרייד,
איז זי צוגעלאָפֿן צו אים, באַהאַלטן איר קאָפּ אויף זײַן ברוסט
און אַרומגעכאַפּט זײַ האַלדז מיט די הענט:

— באָזאָן... באָזאָן... ס'איז וואונדערבאַר, באָזאָן. —
מײַן האַרץ האָט אין מיר אַזוי געקלאַפּט, ווען איך בין צוגעקומען
און האָב ניט געטראָפֿן די אַרמייער בײַ די טירן. באָזאָן...

ער האָט געגלעט איר קאָפּ, און אַראָפּגעקוקט אויף איר מיט אַ
שמייכל, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז לעבן איר וואַקסט
ער העכער און שטאַרקער:

— דו ציטערסט, אונאַ, באַרואיק זיך. קום, זעץ זיך.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט, און ער לעבן איר:

— איך האָב געוואָלט זאָלסט קומען, אונאַ. איך האָב זיך
נאָך קיינמאָל ניט געפֿילט אַזוי אומבאַהאָלפֿן ווי איצט. מיר דוכט,
אַז אַ מענטש, וואָס טראָגט פֿאַר אַ זייער לאַנגער צייט אַ שווערן
שטאָלענעם פּאַנצער אויף זיך און וואַרפֿט אים פּלוצים אַראָפּ,

דארף ער פילן אט אזוי, ווי איך איצט. ס׳איז א מין לייכטקייט, וואס לאזט מיך ניט זיין רואיק. מיר דוכט, אז איך בין איצט ווי א באלון, וואס קאן זיך ניט האלטן צוגעבונדן צו דער ערד. איך האב פארלוירן דעם גאנצן באלאסט און איך ווייס ניט וואוהין עס טראגט מיך. איך האב זיך ניט פארגעשטעלט, אז איך וועל זיך פילן אזוי פוסט... און שולדיק.

— מאדנע, ווי דו טראגסט זיך ארום מיט א מין קאמפלעקס פון שולדיקייט. דו פילאזאפירסט צופיל, באזאן...

— ביזט גערעכט אונא. א פירער טאר ניט פאנטאזירן און טאר ניט פילאזאפירן. ראוויל איז געווען א פאנטאזיאר, און איך ווער א פילאזאף. אט די פאלאזאפיע מיינע האט מיך דערפירט צום הייכטיקן טאג. און פילאזאפיע, אונא, איז דער וועג אין הימל אריין. קיין סאף, קיין ענדע. פאלאזאפיע איז ווי א קאלעיר דאסקאפ: טוסט אים א דריי — און פארטיק — א נייער אוזאר. פילאזאפיע האט ניט קיין רוקנביין, אונא, און אט אדי פרייהייט, וואס איך פראקלאמיר היינט, האט אויך ניט קיין רוקנביין. ס׳איז א פילאזאפישע פרייהייט. מיר זענען נאך ניט גרייט פאר אזא מין פרייהייט. נאך צופיל וועלף ארום.

ער האט פארדרויכערט די ליולקע:

— וואס זאגט ארים?

— ער זאגט, אז עפעס האט געמוזט פארקומען אין דיין גייסטיקן קאמפלעקס. עפעס אזעלכעס, וואס מ׳וואלט בעדארפט אנאליזירן און שטודירן.

— מיט אנדערע ווערטער, ער האלט מיך פאר א מין פסיכאפאט.

זי האט זיך צעלאכט:

— ער זאגט, אז גרויסע פערזענלעכקייטן, זענען אין א געווויסן זין און מאס פסיכאפאטיש.

— ווייסט ער, אַז איך... אַז מיר וועלן היינט פּריילאַזן אַלע פּאָליטישע און אַפילע קרימינעלע אַרעסטירטע ?

— יאַ.

— דערפאַר, מיסטאַמע, זאָגט ער, אַז איך בין אַ פּסיכאָפּאַט. אויך קון האָט מיך אָנגערופן מיט אַזעלכן נאָמען. ער האָט עס געזאָגט אַביסל מילדער, אָבער געמיינט האָט ער דאָס זעלבע.

— און וואָס האָבן די איבעריקע געזאָגט ?

— די איבעריקע ? כאַ ! איך קאָן ניט באַגרייפן דעם פּאַראַדאָקס. גראַדע די ראַוויליסטן ספּאַק און נאַרדי, גראַדע זיי האָבן עס אויפגענומען זייער קאַלט.

— זיי האָבן דיר ניט פאַרגונען דעם רום, וואָס וועט קומען מיט דעם.

— רום ? וויפיל רום האָב איך געהאַט ? ניין, זיי האָבן דערפילט, אַז עפּעס וועט זיי פעלן. זיי וועלן ניט האָבן מער פאַר וואָס צו קעמפן.

פון סקווער האָבן זיך דערטראָגן באַגייסטערטע אויסגעשרייען:
,,זאָל לעבן די קאָמונע ! זאָל לעבן באַזאַן !"

באַזאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַנווייזנדיק אַראָפּ:

— הערסט ? !

— ווען איך בין געפאָרן צו דיר, האָב איך געזען ווי פון אַלע גאַסן שטראָמען מענטשן אַהערצו... צו דיר, און ווען איך הער איצט זייערע פריידיקע געשרייען, גלוסט זיך מיר וויינען.

— אַך, אונאַ, אונאַ...

— מיר געפעלט ניט דיין שטימונג. דו דאַרפסט זיך אויך פרייען.

— ס'וועט קלינגען מאָדנע, אָבער... איך קאָן ניט.

— פאַרוואָס ?

— איך ווייס ניט. עפּשער דאַרף מען מיך טאָקע, ווי אַרים זאָגט, אונטערזוכן. מיין ברודער איז שוין מער אָפּטימיסט פון מיר. ער וויל פון מאָלפּעס מאַכן מענטשן, און איך קלייב זיך

פון מענטשן מאכן מאַלפּעס. איך גיי זיי היינט איינרעדן, אַז איך ברענג זיי פרייהייט, אַ פרייהייט — — — אַ מאַפּל. מ׳האָט זי נאָך ניט אויסגעטראַגן געטוג. זי וועט ניט לעבן. און דערפאַר איז מיין שטימונג אַזאַ. מיר דוכט, אַז מיין היינטיקער אַקט איז — רעזיגנאַציע. און באַזאַן האָט ניט געטאָרט רעזיגנירן. אוטאַ, ס׳איז שווער צו זיין אַ פּיהער, און נאָך שווערער איז אָנצעהאַלטן אין זיך די גאַנצקייט, צו געפינען דעם סינטעז צווישן האַרץ און קאָפּ.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. געצויגן די ליולקע און געטראַכט.

— באַזאַן ... איך וויל דיך עפּעס פרעגן.
— פרעג.
— האָסט ליב נוראַן ?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פאַרוואונדערט :

— וואָס פּלוצים ?

— ס׳איז ניט פּלוצים. איך האָב אימער געטראַכט וועגן דעם. מיר דוכט, אַז מ׳האָט ליב איז מען גליקלעך. און דו ביזט לעצטנס אַזאַ ענטווישטער, אפילע היינט... עס וואָלט דאָך דיך בעדאַרפט דערהויבן צו אַזאַ גרויסער, ליכטיקער פרייד, זע איך אָבער אין דיינע אויגן אומרו.

ער האָט ניט געענטפערט

— מ׳זאָגט, באַזאַן . . .
— וואָס זאָגט מען ?
— מ׳זאָגט זי שוואַנגערט. און דאָס קינד איז דיינס.

ער האָט ניט געענטפערט גליך. ער אַליין האָט דאָך געוואָלט איר זאָגן דאָס. איצט אָבער, ווען זי האָט אים אַזוי אומדערוואַרט צוגעפירט צו דעם, האָט דער ענטפער זיינער ניט געבראַכט אים

מער דעם דערוואַרטעטן טיפֿן ציטער, וועלכן די אַנטפּלעקונג פֿון סאַד האָט בעדאַרפֿט ברענגען.

— יאָ.

דאָס אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט. און אונאַ האָט מיט אַן אײַנער־לעכן ציטער אין וועלכן עס האָבן זיך געקײַקלט טרערן, געפֿרעגט:

— מאַכט דאָס דיך ניט גליקלעך?

— דאָס וואָרט, אָדער דאָס געפֿיל איז נאָך ערגעץ ווײַט, זייער ווײַט פֿון מיר.

זי האָט פֿאַרשטעלט אירע אויגן מיט די הענט און געזאָגט שטיל, אַזוי שטיל, אַז ער האָט קוים געהערט:

— אַך, ווען . . .

האָט ער זיך צוגעבויגן צו איר:

— וואָס ווען? זאָג, אונאַ.

— ווען איך בין נורא.

— ווען . . .

זי האָט זיך צוגעהערט:

— הוכט זיך, עמיצער גייט אַהערצו, באַזאַן.

— עמיצער גייט? אָה, יאָ... איצט קאָן מען האָך. ס'איז בונזע, מיסטאָמע.

עס האָט זיך דערהערט אַ פֿעסטער קלאַפּ אין טיר.
באַזאַן האָט אַ קוק געטאָן אויף אונאַן, שמייכלענדיק:

— זעסט, מ'קומט פּאַשעט. מ'גייט צו צו דער טיר און

מ׳קלאַפּט אַן אַן צערעמאָניעס. דאָס אַליין וועט מיך שוין זיכער אַראָפּשלעפּן פון דעם אַלימפּ.

דאָס קלאַפּן האָט זיך ווידערהאַלט.

— ביטע.

אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן נורא. זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטע; געקוקט אַף באַזאַנען און אַף אונאַן און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, באַזאַן? וואָס מיינט דאָס, וואָס קיינער איז ניטאָ אונטן?

באַזאַן האָט געענטפערט:

— פון דאַנען און פון דעם הויבט זיך אָן די באַפרייאונג.

איראַניע האָט פאַרשנורעוועט אירע ליפּן:

— ווי גרויסמוטיק און דרייסט.

באַזאַן האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס איז אונאַ, נורא.

זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אונאַן:

— עס פרייט מיך זייער. באַזאַן האָט מיר זייער פיל דער־ציילט וועגן אייך.

אונאַ האָט געשמייכלט ליבלעך:

— איך האָף ער האָט ניט איבערטריבן.

די זון אין מיזראַך

— ניין, עס ווייזט אויס, אַז ניט.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו באַזאַנען:

— אַלזאָ, היינט וועלן מיר זען דעם גרויסן ספּעקטאַקל, באַזאַן?

— איך האָף, עס וועט דיך אַמוזירן.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון באַלקאָן:

— פון דאַנען, פון דעמדאָזיקן באַלקאָן האָבן שוין אַזויפיל הערשער גערעדט צום פאָלק.

אונאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף באַזאַנען און געזאָגט:

— היינט וועט רעדן דער פאָלקס טריבון — — — באַזאַן.

נוראַ האָט אָפּגעענטפערט אונאַן מיט אַן איראָנישן בליק:

— איר זענט נאָך נאַאיוו, אונאַ. איר וועט מיר דערלויבן צו רופן אייך אונאַ?

— יאָ.

— אונאַ, דער העלד אונדזערער, דער טריבון איז געקומען צו דעם באַלקאָן פונקט ווי אַלע אַנדערע הערשער זענען געקומען — מיט אַ שווערד אין האַנט. באַ די וועגן וואו ער איז דורכגעגאַנגען, שטייענדיק אַהערצו, ליגן טויזנטער הערמאָרדעטע.

אונאַ איז געוואָרן בלייך:

— איך בין זיכער, אַז איר שפּאַסט. אָבער איך גלויב, אַז דער שפּאַס איז היינט ניט אין פּלאַץ.

— אַ, ניין, איך שפּאַס ניט. איך האָב דאָס שוין באַזאַנען ניט איינמאָל געזאָגט. היינט, אָבער, וויל איך עס אונטערשטרייכן.

— צוליב וואָס ?
— א שטימונג אזא, עפּשער.

באַזאַן איז געשטאַנען אין א ווינקל און געריוויכערט א רואיקער. אונא האָט א קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— באַזאַן, איך וועל איצט גיין. עס ווילט זיך מיר פרישע לופט.
— גוט, אונאַ, גיי.
— איך וועל צוריק קומען ווען...
— יאָ, יאָ...

אונא האָט זיך געלאָזט ארויסגיין. בײַ דער שוועל איז זי געבליבן שטיין און א קוק געטאָן אויף נוראַן:

— זײַט ניט צו שטרענג צום הערשער, נורא.

נורא האָט א שמייכל געטאָן, און אירע ווייסע ציין האָבן א שײַן געטאָן צווישן אירע רויטע ליפּן:

— מײַנע פּיילן זענען צו שוואַך פאַר זײַן פאַרשטיינערט האַרץ.
— די פּראַזע האָב איך, דוכט זיך, געהערט אין די „באַר־באַרן". איר זענט אויסגעצייכנט אין אייער ראָלע.
— א דאַנק.

אונא האָט א שמייכל געטאָן צו באַזאַנען און איז ארויסגעגאַנגען.

נורא האָט א וואַרף געטאָן איר הענטשקע אויפן טיש:

— א שאָד.
— וואָס איז א שאָד ?
— וואָס איך האָב צעשטערט די פּרימאַרגנדיקע אידיליע.

די זון אין מיזראך

באזאנען האט האנא געטאן פון איר באמערקונג:

— איך האב ניט דערוואַרטעט, אז דו וועסט קומען אזוי פרי. היינט, בין איך געווען זיכער, וועסטו קומען מיט לאראנען...

— איך האב געוואלט קומען אליין. היינט איז דער טאג, ווען איך האב געמוזט קומען אליין.

— געמוזט? פארוואס?

— צו זאגן דיר דעם עמעס.

— אז אף די וועגן, אף וועלכע איך בין געגאנגען, שטייענדיק אהערצו ליגן טויזנטער דערמארדעטע?

— דאס אויך.

— וואס נאך?

— איך בין דיר געקומען זאגן וואס איך דענק וועגן דעם דיקטאטאר באזאן.

— נעמלעך.

— אז ער איז באנקראט.

— באנקראט?

— יא, באנקראט. וואס וואונדערסטו זיך אזוי? בלויז אונא און נאך אזעלכע ווי זי קאנען דענקען, אז היינט דערהויבסטו זיך צו געטלעכקייט. דו אליין אבער ווייסט זייער גוט, אז ס'איז די גרויסע קאמעדיע־פאראדאקסאל.

— אה, דאס איז שוין ניט סארקאזם, דאס איז דער פארדאמטער עמעס־פאראדאקסאל. — — —

— יא, עמעס־פאראדאקסאל. דו ביזט באנקראט, ווייל דו האסט ניט אויסגעהאלטן די ראלע. דו האסט צעזאמענגעבראכן. דו האסט פארשקלאפט א פאלק מיט ארבעט, מיט מארטירערשאפט, פירנדיק עס צו פריי־הייט... און דו האסט עס ניט דערפירט. דו לאזט עס איבער אין מיטן וועג צוליב דער גלאריע, וואס ראוויל האט אנגעצונדן ווי א פאקעל. איצט האסטו א שטופ געטאן ראווילן אין קייווער אריין, ארויסגעריסן דעםברענענדיקן פאקעל פון זיין האנט און שטעלסט זיך אין דער פאזע פון א באפרייער.

באזאן האט זיך ביטער צעלאכט:

— אָה, דו האָסט שוין די קאַריקאַטור אין „ליבעראַטאָר” אויך געזען, זע איך.

— יאָ, געזען. און ס'איז זייער טרעפלעך. היינט ווילסטו שטיין א באַלויכטענער אונטער ראַווילס פּאַקעל און נעמען זיך די פאַרדינסטן פאַר א זאַך אין וועלכער דו אַליין גלויבסט ניט, צוליב וועלכער דו האָסט אויסגעלאַשן א ברענענדיק האַרץ.

— האָט עס דיר לאַראַן דיקטירט, אָדער, עפּשער, איז דאָס אויך א פּראָזע פון די „באַרבאַרן” ?

— עס מאַכט קיין אונטערשייד. דו ווייסט אַליין, אַז די־ ראַזיקע מין פרייהייט איז ניט אין דיין גייסט. דו ביזט געווען אויפריכטיקער און רעוואָלוציאָנערער, ווען דו האָסט געקעמפט קעגן איר.

באַזאַנס בליקן האָבן געשניטן מיט איראָניע:

— עס אַרט דיך ניט אַזוי די געגעבענע פרייהייט, ווי די פאַרלוירענע מאַכט. יאָ, איך בין באַנקראָט. אָט דאָ צווישן די פיר ווענט — — — מיט דיר. באַנקראָט, ווייל איך האָב ניט באַוויזן צו דערהויבן דיך צו דער גלאָריע, צו וועלכער דו האָסט געשטרעבט. איך גיב צו. איך בין צו קאַלט, טרוקן און באַוועגלאָז פאַר דיין אַרטיסטישער נאַטור. אפילע די גלאָריע פון דער דיקטאַ־ טאָרישער הערשאַפט גיב איך אויך אָפּ, בלייבט פאַר דיין פאַנטאַזיע גאָרניט. איך בין אין דיינע אויגן ווידער דער אַמאָליקער פויער, וועמען דו פלעגסט צוואַרפן א בליק אַלס קאַפּריז. עס איז ניטאָ מער גאָרניט אין מיר, וואָס זאָל רייצן דיין אַמביציע. און . . . דער זון . . . עפּשער האָסטו אין דיין יאָגעניש נאָך גלאָריע גע־ טרוימט פון א טראָן פאַר אים.

— לאָז צורו דעם זון. ער איז ניט דיינער.

— ניט מיינער ? וואָס מיינסטו ?

— ער איז ראַווילס.

ער איז געשטאַנען קעגן איר א צעטומלטער, ניט גלויבנדיק נאָך, אַז ער האָט ריכטיק פאַרשטאַנען:

— ראַווילס ? . . . פֿאַרוואָס האָסטו מיר ביז איצט ניט געזאָגט ?

— דערמאָן זיך. גלייך נאָך ראַווילס טויט בין איך דיר געקו־מען זאָגן.

— טאָ פֿאַרוואָס האָסטו ניט געזאָגט ?

— עס וואָלט דיך געפֿרייט זיין טויט.

— און פֿאַרוואָס האָסטו מיר ביז דעמלט ניט געזאָגט ?

— מעגלעך, אַז ערגעץ האָט געטליעט אין מיר אַ סענטי־מענטאַלער פֿונק, אָדער אַ פֿונק פֿון ליבע. גיכער אָבער איז דאָס געווען מיין באַשלוס צו קאָמפּענסירן דיך פֿאַר מיין דערגרייכטער אַמביציע.

— דו האָסט דעם קלאַפּ צוגעגרייט צו דער ריכטיקער צייט, איך האָב זיך אָבער אויסגעלערנט צו קוקן פֿילאָזאָפֿיש אויף זאַכן, נורא. אַ צעשמעטערטער כאַלעם בלייבט אַ צעשמעטערטער כאַלעם, די לעבעדיקע ווירקלעכקייט איז אָבער אומשטערבלעך.

— אַ שאָד, דו קאָנסט ניט זיין טראַגיש.

— איך בין ניט קיין אַקטיאָר.

— דיין קאָנטראָלירן זיך איז אויך אַקטיאָרישקייט, באַזאָן. דעם טראַגיזם דיינעם וועסטו דערפֿילן היינט, ווען דו וועסט בלייבן אַליין, איינער אַליין צווישן די פֿיר ווענט. איינער אַליין אַן דעם כאַלעם אַפֿילע.

— דו האָסט האַנאָע פֿון דיין סאַדיזם. ווען דו ביזט אַן הערשערן וואָלסטו יעדע נאַכט געהאַט אַן אַנדערן געליבטן און יעדן אינדערפֿרי צו האַקן זייערע קעפּ.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים ווי דערשטוינט :

— אַה ! . . .

— יאָ. און איך בין צעפֿרידן איצט, וואָס דער כאַלעם איז צעשטערט געוואָרן דורך דיר.

עס האָבן זיך דערהערט טענער פֿון אַ מאַרש. צום ערשטן שטיל, דערנאָך העכער און העכער זענען געקומען די ריטמישע, שטאַרקע

טענער. זיי האָבן זיך אריינגעריסן דורך די פענצטער, דורך דעם באַלקאָן; זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די אויסגעשרייען:
זאָל לעבן באַזאַן! זאָל לעבן די קאָמונע!

באַזאַן האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אין זיין שטול. זיינע אויגן זענען ווידער געוואָרן שטאָלענע, האַרטע; און אַף זיינע ליפּן איז ווידער געלעגן זיין האַלב-איראָנישער שמייכל. ער האָט ניט געקוקט אַף נוראַן. זיין פּערזענלעכע דראַמע, האָט זיך אים אויסגעוויזן, שפּאַנט אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט אונטער די טענער פון דעם מיליטערישן מאַרש.

באַראַבאַנען . . . .

—— טאַם —— טאַראַראַמטאַם! —— טאַמטאַראַראַמטאַם! ——

פּולער! שטאַרקער! עס זאָל מיטטראָגן מיט זיך דאָס קלאַפּן פון האַרץ.

—— טאַם —— טאַראַראַם — טאַם! טאַם —— טאַראַראַם!

עס שפּאַנען טויזנטער פיס אין ריטמישן קלאַנג. דאָ און דאָרטן, פון אַלע ווינקלען, פון אַלע עקן שטאָט ——— טויזנטער פיס אין ריטמישן קלאַפּ ——— צום סקווער.

עראָפּלאַנען . . . . . .

עס זשומען און זינגען טויזנטער מאָטאָרן. עס ציטערט די לופט, עס ציטערט די ערד . . .

באַזאַן ! ! ! !

די לעבעדיקע ווירקלעכקייט גייט אריין אין דער אייביקייט. זי איז אומשטערבלעך.

די זון אין מיזראַך

נוראַ איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. געשטאַנען אין אַ זײַט און אַרויסגעקוקט. דערנאָך האָבן אירע בליקן גענומען בלאָנדזשען איבערן צימער און אָפּגעשטעלט זיך אויף באַזאַנען. געקוקט אויף אים לאַנג, ווי שטודירנדיק זײַן פּנים, זײַן אויסדרוק. זי האָט פֿונאַנ־דערגעשפּרייט אירע הענט און אָנגעכאַפּט די פֿאָרטיערן, ווי וועלנדיק אַראָפּציִען זיי, אַראָפּשלעפּן זיי... אין דער ליכט פֿון פֿענצטער האָט זי אויסגעזען נאָך העכער, אימפּאָזאַנטער.

די באַראַבאַנען זענען פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון דער ווײַטקייט.

זי האָט אָפּגעלאָזט די פֿאָרטיערן און לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו באַזאַנען. געבליבן שטיין הינטער זײַן שטול און איבערגעבויגן זיך איבער אים:

— באַזאַן . . .

ער האָט זיך ניט אומגעקוקט און האָט ניט געענטפֿערט.

— באַזאַן.... דו גלייבסט? גלייבסט אַלעס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט?

— יאָ.

— כאַ־כאַ־כאַ! און וואָס וואָלסטו געזאָגט, ווען...

אין דעם מאָמענט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און ס׳איז אַרײַנ־געקומען לאַראַן. דערזעענדיק נוראַן איז ער געבליבן שטיין אַ פֿאַרוואונדערטער:

— נוראַ, דו? און איך האָב דיך געזוכט...

זי האָט געענטפֿערט רויִק:

— אַ קאַפּריז אַזאַ. געוואָלט זײַן די ערשטע צו גראַטולירן באַזאַנען.

גענומען פון טיש א סיגארעט, פאררויכערט און אנידערגעזעצט זיך אפן דיוואן, פארוואָרפנדיק א פוס איבער א פוס.

לאראן איז צוגעגאנגען צו באזאנען און געדריקט זיין האנט מיט געפיל:

— ווי זאָגט מען עס, אז אלטער פריינט איז בעסער ווי צוויי נייע.

באזאן האט אים צוגערוקט א שטול:

— זיץ.

לאראן האט זיך אנידערגעזעצט:

— עס האט מיך איבערראַשט צו געפינען דעם וועג א פרייען, באזאן. און, דעם עמעס זאָגנדיק... מיר דוכט, אז אין אזא מין פרייהייט ליגט א געפאר.
— וואס פאר א געפאר?
— דער געפאר, אז אומפאראנטוואָרטלעכע מענטשן זאָלן ניט אויסנוצן די מאכט.
— דו אליין האסט דאך אגיטירט פאר אזא מין פרייהייט. האסט זיך דערשראקן איצט?
— יא, דערשראקן. עפעס באאומרואיקט מיך.
— פאראדאקס. אזוי צו אזוי — איך גיי אריבער דעם רוביקאן צו אט דער פרייהייט, וואס איז נאך צו יונג פאר מיר.
— ווי מיר דוכט, גייסטו ניט מיטן גאנצן הארצן.
— דארף איך עס זאָגן?
— טא ווארום גייסטו? וואס זענען די אורזאכן?....
— אורזאכן.... כא! אמאל איז עס גייסטיקע מידקייט, דאס אונטערוואַרפן זיך דעם אומפארמיידלעכן, דעם פאטאליס־טישן, און דעמלט איז עס — רעזיגנאציע; אמאל איז עס די פאזע, און אמאל די אויפריכטיקע דערהויבונג צו דער גייסטיקער

גוטסקייט וואס גרעניצט זיך מיט הייליקייט; אמאל איז עס היפאקריטישע שפיל פון א דורכגעטריבענעם פאליטיקער; און אמאל א צוג פון א קלוגן שטאטסמאן, וואס ווייסט ווען ארויסצולאזן די אנגעזאטענע פארע, וועלכע קאן פאראורזאכן אן אויפרייסונג, וואס האט אבער גענוג קויאך און מוט צו פארדרייען צוריק די קראנען, ווען ס'וועט נויטיק זיין. איצט וועסטו מיסטאמע מיך צורעכענען צו דער לעצטער קאטעגאריע און אט אדי עקספערימענטאציע וועסטו אנרופן היפאקריטישע שפיל. מיין מיינונג אבער איז, לאראן, אז מיר זענען אלע אין א געוויסן זין באמעלעאנען. ווייל מיט אונדזער גאנצער ערלעכקייט, און אויפריכטיקייט ווארפן מיר זיך פארט אונטער די אומשטענדן, צו מיר ווילן, צו מיר ווילן ניט. איך מיין ניט צו זאגן מיט דעם, אז מיר זענען פאררעטער צו אונדזערע אידייען אדער צילן, מיר פאסן זיך אבער אפט צו צו נייע אומשטענדן, צוליב אלטע צילן.

לאראן האט אים אויפמערקזאם אויסגעהערט און געענטפערט:

— דערפאר האט דאך מיר אזוי פארדראסן דיין פארזיכטיקע איינגעשפארטקייט. דו און ראוויל האבן דאך פארט געקאנט געפינען דעם Modus Vivendi אף וועלכן צו אייניקן זיך.

— כא! ווידער איך און ראוויל... איך און ראוויל...

— נעם עס ניט פערזענלעך. דו און ראוויל זענען אבער פארט דידאזיקע, וואס פערזאניפיצירן מיט זיך די צוויי סאציאל-רעוואלוציאנערע שטרעמונגען, וואס האבן זיך געמוזט ערגעץ צעזאמענקומען. ראוויל האט עפשער, גאלאפירט צו ווילד און ראשיק, און דו ביזט זיך געגאנגען לאנגזאם פארזיכטיק, געגאנגען זענט איר אבער ביידע צו דעם זעלבן ציל.

— אט אין דעם איז די קאמעדיע - פאראדאקסאל, ווי נורא האט זיך טרעפלעך אויסגעדריקט. עפשער האט זי בעדארפט זאגן טראגעדיע פאראדאקסאל. וואס בלייבט פאר מיר צו זאגן? איך פרעטענדיר ניט צו זיין אן אויבערמענטש, און אפט טרעף איך מיטן פוס אין דער פוסטקייט, און איך ווייס, אז איך וואלט געקאנט אנאליזירן די גאנצע געשעעניש פרא און קאנטרא. און איך ווייס

אז אויך דער וועלטס מיינונג וועט זיין איצט צעטיילט. אייניקע וועלן מיך רופן באפרייער, אנדערע וועלן מיך שטעמפלען אלס פאררעטער. און ס'קאן גאר אנדערש ניט זיין, ווען מ'וויל ניט גיין פאראויס ווי אן אנגעשטעלטער, מעכאניזירטער אטאמאטאן. א לעבעדיקער מענטש גייט דורך דאס לעבן זיגזאגווייז. און איך בין אויך א מענטש. און דאס שוואכערע אין מיר איז אפט שטארקער ווי דאס שטארקסטע. דאס צעברעכן אין זיך דאס אויסגעווייטיקסטע, דאס אויסגעפייניקטע און דאס אויסגעקאוועטע אין דער דיקטאטארשאפט, איז פארגעקומען, קאנסטו זיך אליין פארשטעלן, ניט פלוצים פון דער הוילער הויט. אפילע איצט הער איך אין זיך די ווארנונג און דעם געשריי: ס'איז רעזיגנאציע. טיפער, אבער, אין זיך, ווייס איך, און איך וויל, אז אויך דו און נורא זאלן וויסן, אז באזאן איז ניט באנקראט; אז באזאן וואלט נאך געפונען גענוג קויאך אנצעהאלטן די ליניע אף וועלכע ער האט געפירט; אז באזאן איז ניט געווארן אויס דיקטאטאר, אום צו דערהויבן זיך צום ארעאל פון יענעם סארט באפרייער, וואס גייען אריין אין דער געשיכטע אלס הייליקע. מיין קאפ איז נאך שטארק, און מיין האנט וועט אויך ניט ציטערן. איך בין נאך אלץ באזאן. איך וואלט נאך איצט געקאנט א קלאפ טאן אין טיש און זאגן: ניין. — און זיי וואלטן געפאלגט. און אויב איך בין דערדאזיקער, וואס וויל דורכפירן די אולטרא רעוואלוציאנערע רעפארמען פאר וועלכע ראוויל האט געקעמפט, — זאל דער טייוול לאכן, און אויב די ליניע, אף וועלכער איך לאז זיך איצט וועט זיין א קאטאסטראפאלע, וועט עס נאר צום איבעריקן מאל אונטערשטרייכן, אז די וועגן פון יענער רעוואלוציאנערער דיקטאטארשאפט אף וועלכע איך האב געפירט, זענען געווען די איינציקע ריכטיקע וועגן צו דערפאלג.

לאראן איז געזעסן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ א פארטראכטער. נורא איז געזעסן אין דעם ווינקל פון דיוואן און ניט אומגעקוקט זיך אפילע. און ווען באזאן האט געענדיקט, איז א ווײַלע געווען שטיל. לאראן האט געפילט, אז דער געשפרעך קומט צו אן ענדע. האט ער געזאגט:

— גרויסע פירער בייטן ניט זייערע באַשלוסן צוויי מאָל אַ טאָג. און עס ווענדט זיך ניט נאָר אָן זיי. ס׳איז שוין אָבער פאַר־פאַלן. די גענגעבענע פריהייט וואָלט דאָך באַדאַרפט זיין אַזוי נאַטירלעך, ווי ס׳איז נאַטירלעך די לופט מיט וועלכער מיר אָטעמען און וועלכע מיר באַמערקן ניט אפילע. אָבער ערשט איצט פאַרשטיי איך דיין פאַרזיכטיקע איינגעשפּאַרטקייט. מיך שרעקט די קאַטאַסטראָפע. און איך מוז דיך וואָרנען, זי דראָעט פון צענטראַט.

— איך ווייס.

— דאָס אַלעם וואָס איך קאָן דיר זאָגן.

— אַ דאַנק.

אונא האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין באַם שוועל. האָט ער זי צוגערופן מיטן פינגער:

— דאָס איז אונא, לאַראַן. מיין ברודערס פרוי.

— אַה, אַריסעם פרוי? ווי אַנגענעם...

און צו אונאַן:

— איך בין אַ גרויסער פאַרערער פון דעם פּראָפעסאָר. זיינע עקספּערימענטן און ענטדעקונגען וועלן רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע דאַרוויניסטישע טעאָריע.

און צו באַזאַנען:

— האָסטו געלייענט זיין לעצטן אַרטיקל איבער זיין Pithecantropus Erectus? ניין? מ׳מוז עס לייענען.

באַזאַן האָט זיך פלוצים צעלאַכט, אַנגענומען אונאַן בא דער האַנט און צוגעצויגן זי צו זיך:

— אַ שאָד, אונא, אַ שאָד...

— וואָס איז אַ שאָד?

— וואס דו האסט ניט מיטגעבראכט אהערצו האמאן. נאר האמא האט דא געפעלט צו דער קאמעדיע.

אונא האט געוואלט עפעס זאגן, אבער אין דער רעגע האט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען בונזע.
געבליבן שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט, א פארוואונדערטער.

באזאן האט אים בארואיקט:

— אלעס איז אין ארדנונג, בונזע. זאל קומען ווער עס וויל.
— אבער . . .

באזאן האט קיין צייט געהאט צו ענטפערן. עס האבן שוין אנגעהויבן אריינצעקומען די איבעריקע. האט ער זיך אויפגעהויבן.

דער ערשטער צוצעקומען איז געווען נארדי. ער האט געדריקט באזאנס האנט און קאלט באמערקט:

— עס פעלט ראוויל צו דעם גרויסן היסטארישן מאמענט.

באזאן האט פארירט:

— ראוויל האט דא זיינע פארטרעטער און... יוירשים.

נארדי האט א דריי געטאן זיין וואנצע:

— איך צווייפל ניט.

און באזאן האט פארענדיקט, ווארפנדיק א בליק צו נוראן, וואס איז געזעסן די גאנצע צייט אף דעם דיוואן:

— אין גייסט און אין קערפער.

אין נוראס אויגן האבן א גלאנץ געטאן טרערן. זי האט זיך

די זון אין מיזרעך

א הויב געטאָן פון דיוואַן, געקוקט א ווײַלע אַף באַזאַנען, קעמפנ־דיק מיט אירע עמאָציעס און מיט די ווערטער, וואָס האָבן זיך געריסן פון אירע ליפּן. זי האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. א שמייכל געטאָן און געלאָזט זיך צו דער טיר.

באַזאַן האָט איר נאָכגעקוקט מיט א קאַלטן בליק.

לאַראַן, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקל און גערעדט מיט אונאַן האָט פּלוצים באַמערקט, אַז נוראַ איז ניטאָ:

— וואו איז נוראַ? אוועקגעגאַנגען?

קיינער האָט אים ניט געענטפערט, האָט ער פאָרטגעזעצט דעם געשפּרעך מיט אונאַן.

עס זענען אָנגעקומען קון און בענקע. זיי האָבן באַגריסט באַזאַנען, דריקנדיק שטאַרק זיין האַנט או קוקנדיק אַף אים ערנסט. גלייך נאָך זיי זענען אַרייַנגעקומען מאַרגאַש, ראָזאַ לאַטי, ספּאַק און אַבאַ. אויך זיי האָבן באַגריסט באַזאַנען.

עס זענען אָנגעקומען פאָרשטייער פון דער פּרעסע, אָפּעראַטאָרס מיט ראַדיאָ און סינעמאַ אַפּאַראַטן. און דאָרט האָט זיך גענומען טומלען. די אָפּעראַטאָרס זענען אַרומגעלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן. אָנגעצונדן די שטאַרקע עלעקטרישע לאָמפּן און אָנגע־שטעלט די אַפּאַראַטן.

אין צימער איז געוואָרן ענג. און אין דעם טומל און ענגשאַפט האָט זיך א נערוועזער דורכגעשטופּט זאַלאַט. ער האָט זיך פאַר־רוקט אין א ווינקל און געקוקט אַף באַזאַנען.

ספּאַק און נאַרדי האָבן פאַרנומען א באַזונדערן ווינקל. זיי האָבן זיך דורכגעשמועסט שטילערהייט און אין זייערע אויגן האָבן זיך געשפּילט איראָנישע בליקן.

מ. גיציס

בונזע האט אקוק געטאן אף זיין זייגער און איז צוגעגאנגען צו באזאנען:

— ס'איז צייט.
— גוט. איך בין גרייט.

בונזע האט געגעבן א צייכן, און די טירן פון באלקאן זענען ברייט צעעפנט געווארן. דער מיקראפאן, די ראדיא, טעלעוויזיע און סינעמא אפאראטן זענען אנגעשטעלט געווארן. אלעס איז געווען גרייט.

באזאן איז מיט פעסטע טריט ארויס אף דעם באלקאן. ער איז געבליבן שטיין מיט די הענט פארלעגט פון הינטן, ארבל אין ארבל, ארומקוקנדיק די טויזנטקעפיקע מאסע.

עס האבן זיך דערהערט הילכיקע, בעגייסטערטע הורא געשרייען. דער ארקעסטער האט ווידער אנגעהויבן שפילן. און די הורא געשרייען און די מוזיק האבן זיך אויסגעמישט ווי אין שטורמדיקן דונער גערויש...

. . . .
. . . .

די פארזאמלטע אין צימער האבן זיך צוגערוקט נענטער צו דער טיר פון באלקאן.
די הורא געשרייען און די מוזיק האבן נאך אלץ געהילכט אין דער לופטן. איבער די דעכער זענען געפלויגן טויבן.

באזאן האט אויפגעהויבן די האנט.
די הורא געשרייען זענען געווארן נידעריקער און נידעריקער. געלעגט זיך ווי בארויקטע כוואליעס בא באזאנס פיס.

ס'איז געווארן שטיל. זייער שטיל.
באזאן איז געשטאנען א ווייל מיט דער אויפגעהויבענער האנט. געשטאנען און געשוויגן. עס האט זיך געחוכט, אז ער ווארט אף

די זון אין מיזראך

עפּעס, אז ער זאַמלט אין זיך צענויף אַלע קרעפטן און אַלע געדאַנקען אַרויסצובּרענגען עס פון זיין ברוסט מיט מעכטיקע ווערטער.

ווי א קלאַרער מעטאַל האָט בּאַזאַנס שטימע א קלונג געטאָן אין דער ליכטיקער שטילקייט אריין:

— בּירגער פון דער פרייער דעמאָקראַטישער קאָמונע!

. . . .
. . . .

א קנאַל פון א רעוואָלווער און א ספּאָנטאַנער אויסגעשריי און טומל האָט פּלוצים פאַרהילכט די שטילקייט.

. . . .
. . . .

בּאַזאַן איז אַף א רגע געבּליבּן שטיין באַוועגלאָז...
לאַנגזאַם אין אַגאַנישער אָנשטרענגונג אויסגעדרייט זיך צו די פאַרזאַמלטע אין צימער און א קוק געטאָן אַף זאַלאַטן, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים מיטן רעוואָלווער אין האַנט פון וועלכן עס האָט זיך נאָך געצויגן דער רויך. א וואָקלדיקער אָנגעכאַפּט אונאַס אויסגעשטרעקטע ציטערנדיקע האַנט. א שמייכל געטאָן שוואַך און לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט זיך אַף די קני בּאַ אירע פיס.

. . . .
. . . .

פון אונטן, פון סקווער האָבּן זיך געריסן צום הימל אַרויף באַגייסטערטע געשרייען:
„זאָל לעבּן בּאַזאַן!"
„זאָל לעבּן די פרייע דעמאָקראַטישע קאָמונע!"

. . . .
. . . .